באַפּאַטערן - טרוו. (שנש?). 1. אדאָפּטירן א פרעמד קינד, איבערנעמען פּאַטערשאפט.

1972 " עס האט איר אויסגעוויזן, ווי ער וואלט, אויף א געוויסן אופן, אויך באפאטערט איר קינד".
ה. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן I, ת"א, ז' 362.

2. (פיג) באַפרוכפערן ווי א פאטער, א מאן.

1921 "[...] איך וועל [...] פאלן איך דעם אפנעם מויל // פון א יונגן שפראץ// און אים באפרוכפערן // און אים באפאטערן". יהואש, אין געוועב II, ז' 44.

באַפּאַכן - טרוו. ארומלייגן מיט עפעס אין עטלעכע פאַכן (שיכטן) [קטוו].

באַפּאַכן - טרוו. פּפּ באַפּאַכען. אַ סך מאָל פאַכ(ע)ן, אפבלאזן, ארומנעמען מיט א לופטשטראם.

1940 " מיך האבן די ווינטן פון גרויסן פארבאנד // באפאכט מיט גרויסע פליגל". אקש, מיזרעכ אונ מיירעוו, מאסקווע, ז' 109.

באַפאכן זיך - רעפל.

... " באפאכן זיך מיט פארמעט=בלעטער פון געשיכטע".
בראד, גש, ז' 180.

באַפאַל - דער, =ן. 1. אַנפאל, אַטאקע. (געווינטלעך פלוצעמדיקער) % באפאל פון גזלנים; באפאל פון געסטאפא. די יידישע מארקהענדלערס האבן אפגעשלאגן דעם באפאל פון דער באנדע שלעגערס.

1878 " דער פּעבל [...] וועלכע[ר] עס האבן [האט] געמאכט דעם באפאל אין יענע[ר] שרעקלעכע[ר] נאכט".
ה"ג איבזאן, פראקטיקע איז א לערער, ווילנע.

באפ – 1א.

1925 " די צייטן זענען דעמאלט געווען שלעכטע און די באפאלן און רויבערייען האבן ווייניק הכנסה געבראכט".

י. שפּירא, איבן, דער בעל=שם פון מיכלשטאדט. ווארשע 1 ז' 143.

2. אַנלויף, אַנזאמלונג ארום עמעצן אדער עפּעס. באפאל פון קונים, באפאל פון נייגיריקע ארום דעם געשלעג; %:: דאס יונגוואַרג האט ממש געמאכט א באפאל צו קריגן אויטאגראפן פון קינא-אקטיאר.

1925 " ווער עס באטראכט נאך דעם באפאל, וואס עס איז פרייטיק פאר נאכט ביי די יידישע בוכקראמען". מעשה אלפסי, פרק א, 10.

1959 " איך הויף איז געווען א באפאל פון ווייבער, וואס האבן געקויפט לעבעדיקע עופות, צו שלאגן כפרות". חג, צ' טאג, IV/10.

באַפּאַלאַ ---> בופלאקס.

באַפּאַלגן – טרון. (דשמ)? פאלגן, אויספאלגן, צוהערן זיך.

1883 " וועט אבער איר וועט נישט באפאלגן [...] אזוי וועט איר ניט קיין גוטן סוף האבן". מעשה נורא מהצדיק |...| ר' מענדילי מרימינאב, לעמבערג, ז' 6.

1925 " און די יידישקייט פון איצט אך איר גאנצע לעבנסצייט טריי צו באפאלגן". ר' ה. ליכטענשטיין, עת לעשות !!, סאטמאר, הקדמה.

באפאלן - טרוו. פאר איז באפאלן.

1. אנפאלן אויף עמעצן, אטאקירן מיט כוונה פון רויב,

מארד, שלאגן אע. % באפאלן און בארויבן די באנק,

די געסטאפא=לייט זיינען באפאלן די הייזער אין געטא.

די כוליגאנעס באפאלן און צעשלאגן די דורכגייערס.

1893 " דער ייד איז גלות ווערט א מאל באפאלן פון

גוישע באסע=קאמאנדעניקעס, וואס צערייסן אים זיין

בעטגעוואנט". ב. פייגענבוים, די גאולה,

נ"י, ז' 40.

? |189...| " מ'איז מיך באפאלן פון אלע זייטן, געקלאפּט,
געהרגעט, געממיתט" ממוס, צוריק אהיים, ז' 84.

1927 " ~~אויף=אנשטאט~~ „ [...] און פאר זיין בליק א
היל// וואס באפאלט די שטאט" מלה, אין ניו-יארק, ז' 196.

(2)

1947 " עס גייט ניט דורך קיין נאכט, אז מע [די פּאר-
טיזאנען] זאל ניט ארעפלאזן א צוג אדער ניט באפאלן
א גארניזאן". ה. דאבין, ווייסרוסישע ערד, מאסקווע, ז' 64.

1968 " יעדער וועג |...| איז געוועזן באגלייט מיט
פחד, מיט יסורים, מיט צוזען, ווי די דייטשן באפאלן
יידן און פייניקן זיי." ג. כץ, [illegible] יזב אטוואצק,
ת"א, ז' 876.

1971 " איין מאל, אין א קאלטער ווינטערנאכט איז
באפאלן אונדזער פאבריק די פאליציי". ר. פעדערמאן,
[illegible] יזב טשענסטאכאווער יידן נ"י, ז' 382.

2. אנפאלן, אטאקירן ( וועגן בעלי=חיים): וועלף באפאלן
די סטאדע שאף; ווילדע בינען זיינען באפאלן די שפּא-
צירערס אין וואלד. היישעריקן (זיינען) באפאלן די פעלדער און
אויפגעפרעסן די גאנצע תבואה.

?1888.? " נאר קוים איך האב מיך געלייגט, זענען
מיך באפאלן גאנצע מחנות פרייסן, וואנצן, פליי ווי
די בערן, און האבן מיך געוואלט לעבעדיקערהייט אויפ-
עסן". ממוס, פישקע דער קרומער, ציט [illegible] אויסג' [illegible]
1910, נ"י.

?1934.? " קלאפּט אים דאס הארץ, אז דער בייזער
הונט [...] זאל זיך נישט אפרייסן פון דער קייט און
אים באפאלן". אש, תהילים=ייד, [illegible]

3. (פיג) אנקומען פלוצעם, ארויפוואַרפן זיך האסטיק,
[illegible]

1922 „ און הונגעריק באפאלט זי [ די נאכט]
שטומערהייט די טויטע לענדן פונעם טאג". פּמ, נאכט-רויב,
[illegible] ז' 23.

1945 [...] " ביז ס'וועט זיך צערעווען דער וואלד, וואס באפאלט דעם פּאַרמאַטערטן שליאך, ווי א רויבער". חג, דורות, נ"י, ז' 52.

1967 " זיינע קינד=קינדסקינדער, זיינע ארבער, וועלן אויך אברהמס אלוהים מיט זייער געלעכטער באפאלן, ווי שפּאַרבער". פרידמאן, ליבשאפט, ת"א, ז' 26.

4. אנפאלן אויף עמעצן מיטגראבע רייד, שעלטונג, חרמות, זידלעריי, מאכן עמעצן א סקאנדאל, זיין שותף אין אים באפאלן אין מיטן גאס מיט אזעלכע געשרייען, אז מענטשן ציינען זיך צונויפגעלאפן, זי איז אים באפאלן מיט קללות, ווי א יאכנע פון פישמארק.

1946 " ער איז מיך באפאלן מיט זידלערייען, איך האב אפּגעווישט דאס מויל און בין אוועק. ב. י. ראזען, ~~איך~~ יישפ VI, 6 - 3.

5. צונויפלויפן, פארזאמלען זיך ארום עמעצן אדער עפּעס. אויף דער ידיעה וועגן דער פארטיירונג איז דער עולם באפאלן די קראמען און אויסגעליידיקט די שפּייז=פּאליצעס. מען איז באפאלן די צייטונג=קיאסקן און איך איין רגע איז נישט געבליבן קיין איין צייטונג.

1881 " ווייל איין מאל האט איינער געבראכט תבואה און קארטאפל צו פארקויפן, זיינען אים באפאלן די חברה און האבן אלעס ביי אים אויסגעקאשפּערט". ייפאל, נ' 22.

1968 " אזוי ווי איך בין אנגעקומען אויפן אטוואצקער וואקזאל, זענען מיך באפאלן יונגעלייט [...] און יעדער האט מיר אריינגעשריגן אן אנדער נאמען פון פענסיאנאט" ס. איידלשטיין, יזב ~~XX~~ אטוואצק, ת"א, ז' 613.

= ער. --- דער, =ס. דער וואס באפאלט, אנפאלער, דער באפאלער האט ארויסגעכאפּט א מעסער, די פאליציי האט געכאפּט די באפאלערס.

1939 " ווער קען וויסן, וויפל פּאגראמען די נאציישע באפאלערס וועלן נאך דורכפירן". ימ, ~~XX~~ זש' קולטור און דערציונג.

(פפ): באפאלן: ווי די רוצחים, ווי א גזלן (אין א פינצטערער נאכט). ווי די הייזשעריקן, ווי הונגעריקע וועלף, ווי רויבפייגל, ווי בייזע מחשבות, ווי אן אפגעריסענער (נאר), ווי א משוגענער, ווי די (בייזע) הגנט, ווי פליגן (אויף מילכיקס), ווי בינען, ווי מוקן.

באפאלן זיין מיט קינדער – האבן א סך קינדער, זיין א מטופל מיט קינדער. % חוץ וואס דער ייד איז אן א ארעמאן, איז ער נאך דערצו באפאלן מיט קינדער.

1844 "[...] דא אויבן ווינט [...] איין שוהמאכער [שוסטער], אבער זייער איין ארנטלעכער בראווער מאן [...] און דאס ער איז באפאלן מיט פיל קינדער".

לאל, נייער בריפנשטעלער, ווילנא, ז' 80.

1877 " ניט ווייט פון זיי נאט געווינט איין ייד, א גרויסער אביון, באפאלן מיט קינדער".

מ.מ. דער פאלשער אליהו הנביא, ווארשע, ז' 8.

1888 " עס גייט אוועק שלעכט און מע האט ניט פון וואנען א טאג איבערצולעבן, מיט קינדער איז מען באפאלן".

ש. בעקערמאן, די קארטן ווארפערקע, אדעס, ז' 49.

6. (נאר דריטפערזאניק) באהערשט ווערן (סרוב פלוצעם) דורך א געפיל, צושטאנד, קראנקהייט, (=סימפטאם) אע.

% עס באפאלט: א מורא, טויטשרעק, פאניק, משוגעת, חלשות, קאלטער שווייס, אנגסט, נישט=רוטקייט, מחלה, געוויין, דרעמל אע.

עס באפאלט: אַ.

מידקייט, ציטערניש, בענקשאפט, ספקות, אומרו אע.

1871 " אמערסטן באפאלט זיי די קרענק, // ווען זיי ווילן ברוגז ווערן מיט דער שענק". א.ב. רוף, דער שיכור [...], ווארשע, ז' 7.

1909 " עפעס א שיכרות איז מיך באפאלן, האב איך זיך שנעל אוועקגעקערט פון פענצטער". א. וויעוויארקא, הימל און ערד, לעמבערג, ז' 55.

1928 " א שווערער אומעט איז אים באפאלן".

אפֿאַ VI, ז' 337.

1938 " באלד איז זיי א געלעכטער באפאלן".

ייז, הבר נחמן, נ"י, ז' 11.

1960 " און כ'פיל, ווי ס'זינקט אין נידער מיין
געמיט,// ווי גאר דעם מענטשנס צער וואלט מיך
באפאלן". האל, מיין אויצער, מאסקווע, ז' 30.

1864 " [...] דעריבער פלעגן זיי [די שדכנים] מיך
באפאלן ווי די היישעריקן און מיר אנשלאגן שידוכים".
ממוס, קליינע מענטשעלעך, ציט' אויסג' נ"י, 1910.

1886 "[...] באפאלן מיך ווי הונגעריקע וועלף".
שע, יאסעלע סאלאוויי, ז' 92.

[193...] " אזוי האט יחיאלס נשמה געפלאטערט |...|
זינט די שלעכטע געדאנקען זענען אים ווי רויבפייגל
באפאלן". אש, פון איין קוואל [תהילים=ייד?]

1965 " ער האט געפרווט פארטרייבן פון זיך די
געדאנקען [...] נאר זיי זיינען אים באלד ווידער
באפאלן ווי די בינען". נאטע לוריע, הימל און ערד,
מאסקווע, ז' 46.

ם |באפאלקן| ב פ א ל ק ן - טרוו. באפעלקערן, באזעצן,
באוווינען מיט...

1743 " די שטאט צפת דיא איז דן מיינשטי בפאלקט
מיט יהודים, דא האבן דיא יהודים אך גרושי פרייאהייט".
שאר, קי'.

ב א פ א נ ט - אדי. מיט פאנען, וואס האט פאנען.

... "ווי ירושלים ליבליך// און אפשרעקיק ווי באפאנטע".
פרץ, שיר השירים.

1936 " מיין געליבטער איז לויטער און רויט//א באפאנטער
פון צענויזנטער". איבן נפתלי גראס, שיר השירים,

1941 " ווער איז די וואס קוקט ארויס ווי דער פרימארגן,
שיין ווי די לבנה, לויטער ווי די זון, פארכטיק
ווי מחנות באפאנטע".תי, שיר השירים ו׳ 10.

ב א פ א ט ט ע ר -- דער. דער וואס האלט (עפעס).

1700 " [...] אונ פון דען מאנין ישראל ציהר דש
בוגנש אונ ביפסטר דער שפיס אכט מאל הונדרט טויזנט".
ר׳ אליקים חזן מק״ק קאמארנא, איבז ר׳ שלמה וירגא,
שבט יהודה, אמשטרדם, דף ז, 1.

ב א פ א ס ן -- טרוו. 1. משיג זיין, באנעמען, באגרייפן.

1935 "[...] און עס זאל דיך ניט באפאסן קיין וויסנ-
שאפט און עס איז ניטא קיין שכל וואס זאל דיר קענען
פארשטיין און וויסן". מחזור ע"ט, בית ישראל [...]
יום כפור, שיר היחוד ב׳, ~~92~~ ווילנא, ז׳ 92.

1938 " ווילט איר מיט דעם דענקען באפאסן די וועלט —
מיט אים, דעם קליינעם פראפעסאר פון קעניגסבערג...".
א. קאראלניק I, נ"י, ז׳ 51.

3. דערגרייכן, דערלאנגען.

1723 " אבר זי טאר זיך וואול אויש מעלקן אויף די ערד,
דער ווארטן דז דאש קינד דיא ברושט ביפאסן קאן".
לט 1, 79/1, אמשטערדאם.

2. ארומלייגן, איינפאסן עפעס.

1973 " נאך יעדער גזירה, נאך יעדער גירוש פירן
די פארטרייבערס מאסנווייז ארויס שטיינער פון יידישע
בית-עולמס און מען פארניצט זיי אויף בויען שלעסער,
[...] אויף צו באפאסן ברינעמער [...]". מזוג III, ז׳ 345.

ביפאסן

1. ←-- ב1.

1648 " נויארט קערט אב פון אלם בויזן אונ׳ דאז גאט
ביפסט מיט יידי הענדן". מגילת ווינץ, אמשטרדאם.

(מוט.ס.פעט)

באַפּאַסן זיך -- באַשעפּטיקן זיך, פאַרנעמען זיך %

זיך באַפאַסן מיט מסחר.

1925 " מען דאַרף אויך זיין נאַיוו און גלויבן, אַז דער פאַלעסטינער קאָנגרעס און נאָכער די נייגעשאַפענע פאַלעסטינער אָרגאַניזאַציע זאָל זיך באַשעפטיקן שטענדיק נאָר מיט ריין פאַלעסטינע-בוי, און זאָל ניט זיין געצוווּנגען [...] זיך באַפאַסן אויך מיט אַנדערע ענינים".
ש. קאַלקער, דאָס פאָלק און די באַוועגונג, לעמבערג, ז' 29.

1935 " ער [דער רמב"ם] באַפאַסט זיך דאָרט [אין "מורה נבוכים"] פיל מיט דער נביאה, השגחה [...]" משה קאַפּפלער, תורה און יודענטום, !, סיגעט.

1970/71 " ווען מ'האָט געוואָלט דעם קרבן ברענגען צו: קבר-ישראל, האָבן די דייטשן נישט געלאָזט, נאָר די פּאָליציאַנטן האָבן געמעגט זיך באַפאַסן מיט דעם קערפּער און אים באַגראָבן". ה. גראַבנער, אַנשי יזב זלאַטשעוו, ת"א, ז' 338.

באַפּאַרבונג -- די, באַ. 1. דאָס צוגעבן אַ פאַרב, דאָס באַדעקן מיט אַ קאָליר.

1908 " די העלע באַפאַרבונג פאַרגרעסערט די ליכטיקייט און ווירקט בעסער אויף אונדזער מוט און געזונט".
מ. גאָטליעב, פּאָפּולערע אַלגעמיינע היגיענע, וואַרשאַ. ז' 19.

1925 " די שוואַכע ריִיפעלעך (גוסעניצעס) [...] ראַטעווען זייער לעבן פון די שונאים דורך דעם וואָס זיי אימיטירן אויסגעצייכנט אין דער באַפאַרבונג פון זייער קערפּער די צווייגן און בלעטער פון די ביימער אויף וועלכע זיי לעבן". כ. איינזנשטאַט און פ. מולער, איבז, ק.נ. בערקאָוו, דאָס לעבן, מינסק.

2. (פיג) אויך באַפאַרב. דאָס צוגעבן אַ געוויסן כאַראַקטער, אייגנשאַפט, דאָס אַרויפלייגן אַ שטעמפּל פון עפּעס.

1952 " יידישע ספּאָרט-קלובן האָבן געהאַט אַ פּאַרטייישע באַפאַרבונג" מ. רייכענשטיין, דאָס [...] לובלין, ז' 291.

1964 " אויך קורץ אין מליצה און באַפאַרב, גאָר כמעט ווי פּראָטאָקאָליש". בצג, טמז 11.9.64.

באפארבן - טרוו, פאר באפארבט/באפארבן.

1. צוגעבן א פארב, קאליר, באדעקן מיט פארב.

% באפארבן די לייוונט. באפארבן די ווענט אויף גרין.

1921 " צי דייך בליק באפארבט די בלומען, // צי די בלומען - דיינע אויגן? // דאס איז שווער צו אונטערשיידן, ווייל איין פארב פארהילט איין ביידן". סעג, קאפריזן, ווארשע, ז' 63.

1936 " א לייכטע פארב פון צארן און אויפגערייצטקייט האט באפארבט זיינע אשפארביקע איינגעפאלענע באקן". אבראם לוריע, דער סאד פונ דער גרויסער פיראמידע, מאסקווע.

1937 " און איך טראג דיר אויף די ארעמס איבער זומפן ווי א קרבן // פאר א געטין אין א טעמפל, ביז עס ווערט די נאכט באפארבן". סוצ, ציט פון I, ת"א, 1963, ז' 89.

1967 " ס'איז רויט יעדעס שטיינדל פון אונדז דארט באפארבן//[...] און גאט פון ישראל פארנעמט אונדזער קרבן". מ. שולשטיין, ברים, פנקס פון לובלין, פאריז, ז' 23.

1970/71 " [...] האבן זיך די גיפטיקע אנטיסעמיטן [...] געבראכן די קעפ, ווי אזוי צוצונעמען די פרנסה ביי יידן, און באפארבן עס מיט פארגאסן יידיש בלוט". א. פייוולאוויטש, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 168.

2. (פיג) צוגעבן א געוויסן כאראקטער, אייגנשאפט, ארויפלייגן א שטעמפל פון עפעס. % באפארבן אין א רעליגיעזן נוסח.

1951 " זייערע ווערק זיינען שוין ווינציקער באפארבט משכיליש און ברענגען שוין ארויס די נייע סאציאל-נאציאנאלע שטרעמונגען". י. שאצקי, זב ליטע I, נ"י, ז' 759.

|| =ער |=ין, =קע| - דער , =ס, וואס באפארבט.

1940 " ווי איז דעם באפארבערס נאמען?". הל, אלע ווערק I, לידער, נ"י, ז' 644.

8 - הויף

באַפּאַרבן -- דורו. פאַר פון באַפאַרבן (<---).

באַפּאַרטיקן -- טררו. (ערב) אויספּאַרטיקן, פּאַרטיק מאכן, צוגרייטן.

?|182...| "האט ער בפּאַרטיגט און גצירט אַ דינג דורך דר תורה וואש איז גיגליכן צו וואסר". מחזור, ווילנער איבערדרוק, קמ-1.

באַפּאַרטעכץ -- פּאַדי. אנגעטאן אין א פּאַרטעך.

דער באַפּאַרטעכטער טארוואר האט פונאנדערגעטיילט דאס פלייש. "זי איז נאך באפארטעכט מיט דער מאמעס פאַרטעך".

באַפּאַרצוגן -- טררו. (דטשמ) פּריווילעגירן, האלטן פאַר בילכער, געבן עמעצן (עפּעס) די אייבערהאַנט.

1923 "עס איז נישט פאראן קיין שום סימנים, נאך וועלכע מען זאל קענען איין פונקט [אין שטח] אדער מאמענט (אין צייט) באפארצוגן קעגן אנדערע [...]" ק. גוטנבוים. ספּעציעלע און אלגעמיינע רעלאַטיוויטעטס-טעאריע, ווארשע, ז' 33.

1935 "דאס טוט אונדז וויי, ווען מיר זעען, אז פילע באפארצוגן דאס מאטעריעלע פיל מער אלס דאס אידעאלע". מ. קאפּפלער, תורה און יודענטום, סיגעט, 1935.

~~1964 "[...] אבער פונדעסטוועגן ווערט אומעטום די פרוי מער ווייניקער באפארצוגט". ב. שווארץ, טמז 19/VII.~~

1965 "די מאכט האט באפארצוגט ארויפצולייגן דעם יאך פון די שטייערן |...| אויף די יידן". זב ליטע II, ת"א, ז' 251.

|| =ונג - די, =ען. (דטשמ) |מארק וובּ, 956|.
בילכיקייט, פריווילעגיע, אייבערהאנט.

באַפּאַרשטייענדיק - אַדי. (דטשמ) וואס
דארף (ווערט) פארקומען; קומענדיק. % זיי גרייטן
זיך צו די באַפּאַרשטייענדיקע וואלן צום פארלאמענט.
1973 "[...] פלעגט ער [דער יידישער סאַלטים] בארויקן
און [...] צו וויסן געבן [...] וועגן די באפארשטייענדיקע
באזוכן פון די באַמטע". יזב פשיטיק, ת"א, ז' 393.

|באפּוגט| בּפּוגט זיין - בארעכטיקט זיין,
האבן רעכט.
1767 " און ווער ניכט [...] ייעהרליך 400 גולדן
[...] בייא טראגטי זעלבי ניכט בּפּוגט זיין זול
מיט קיין אנדר סארט פיש אויסר קרפין צו טראקטירן".
פראגער תקנות קעגן לוקסוס, ציט ב. וואכשטיין,
ייבל I, 1931, ווילנע, ז' 339.

באַפּויל - דער, =ן. דזוו באפעל, פּאַראַרדענונג,
קאַטעגארישע אנווייזונג עפּעס יא אדער ניט צו טאָן.
1908 " און רב יונה סלוצקער גיט ארויס א באפּויל,
אז שבת זאל מען מיך ברענגען צום 'טיש'".
שע, אידישע שרייבער, ציט אלע ווערק, נ"י,
1944, ב' ב', ז' 120.
1927 " מיט א מאל האט די רעכטע האנט, פון נערוון=
צענטער, קיין באפויל באקומען". איבן נס,
א. אראסיעוו, ערשט ניט לאנג, קיעוו.

1971 "א סך מאל, אז די מאמע שיקט אונדז ערגעץ, הייבט זי נישט אָן מיט קיין באפּויל נאר מיט א פראגע" א.? קיפּניס, מיין שטעטעלע סלאָוועשנע I, ת"א, ז' 58.

**באפּוילן** - פּאַדי פון באפעלן, =ענע, =ענער.
פאראָרדנט, אנגעזאגט, געהייסן צו טאָן/ניט טאָן.
% די באפּוילענע רעגיסטראציע אויף ארבעט. דער באפּוילענער מארשרוט פאר די ארויסגעטריבענע אין געגאנגען דורכן וואלד.

1970 "שבת צו נאכטס [...] האט זיך שוין אנגעהויבן די באוועגונג פון מאסן מענטשן צום באפּוילענעם זאמלפּלאץ". ס' סאנץ, ת"א, ז' 789.

**באַפּוילער** --- דער, =ס. דזוו באפעלער.

**באַפּוילעריש** -- אדוו. דזוו באפעלעריש (<--).

**באפּולמאַכט** - די, =ן [סטוטש 460]. דזוו באפולמאכטיקונג, פולמאכט.

**באפולמאכטיקונג** --- די, =ען. פּפּ באפולמאכט | סטוטש 460|, באפולמאכטיקונג. 1. רעכט, רשות וואס עמעץ גיט איבער א צווייטער פערזאן(=ען) אויפצוטרעטן אין זיין נאמען אין געריכט און אנדערע אינסטיטוציעס, צו פירן זיינע געלט=און געשעפט=ענינים אד"גל. כוח=הרשאה, פלעניפּאטענץ.
די דעלעגאציע האט ברייטע באפולמאכטיקונגען. די באפולמאכטיקונג פאר דער באנק דארף זיין שריפטלעך.
~~2. דאקומענט וואס פארמולירט דאס רעכט אויפצוטרעטן אין עמעצנס נאמען, צו באזארגן זיינע יורידישע, געשעפטלעכע ענינים א"ע.~~ דער באשולדיקטער האט אונטערגעשריבן די באפולמאכטיקונג פארן אדוואקאט. די באפולמאכטיקונג דארף דארף זיין באשטעטיקט דורכן נאטאר.

1947 "אין דער קאנפערענץ באטייליקן זיך 36 דעלעגאטן, וועמענס באפולמאכטיקונגען זיינען באשטעטיקט געווארן". ר. פעדערמאן, יזב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 320.

% די באפוילענע רעגיסטראציע אויף ארבעט. דער
באפוילענער מארשרוט פאר די ארויסגעטריבענע איז
געגאנגען דורכן וואלד.

1970 " שבת צו נאכטס [...] האט זיך שוין אנגעהויבן
די באוועגונג פון מאסן מענטשן צום באפוילענעם
זאמלפלאץ". ס׳ סאנץ, ת"א, ז׳ 789.

ב א פ ו י ל ע ר --- דער, =ס. |סטוטש 1462|. דזוו באפעלער.

ב א פ ו י ל ע ר י ש -- אדוו |סטוטש 1462|. דזוו
באפעלעריש ( <-- ).

ב א פ ו ל מ א כ ט - די, =ן |סטוטש 460|. דזוו
באפולמאכטיקונג.

ב אפ ו ל מ א כט י ק ו נ ג --- די, =ען. פפ באפולמאכט
| סטוטש 460|, באפולמאכטיקונג. 1. רעכט, רשות וואס עמעץ גיט
איבער א צווייטער פערזאן(=ען) אויפצוטרעטן אין זיין
נאמען אין געריכט און אנדערע אינסטיטוציעס, צו פירן זיינע
געלט=און געשעפט=ענינים אד"ג. כוח=הרשאה, פלעניפאטענץ.
די דעלעגאציע האט ברייטע באפולמאכטיקונגען. די
באפולמאכטיקונג פאר דער באנק דארף זיין שריפטלעך.
~~2. דאקומענט וואס פארמולירט דאס רעכט אויפצוטרעטן אין
עמיצנס נאמען, צו באזארגן זיינע יורידישע, געשעפטלעכע
ענינים אע.~~ דער באשולדיקטער האט אונטערגעשריבן די
באפולמאכטיקונג פארן אדוואקאט. די באפולמאכטיקונג דארף
דארף זיין באשטעטיקט דורכן נאטאר.

1947 " אין דער קאנפערענץ באטייליקן זיך 36 דעלעגאטן,
וועמענס באפולמעכטיקונגען זיינען באשטעטיקט
געווארן". ר. פעדערמאן, יזב טשענסטאכאווער יידן,
נ"י, ז׳ 320.

ב א פ ו ל מ א כ ט י ק ס ע (אר) -- די /דער. פפ באפולמעכטיק
האט רעכט, רשות אויפצוטרעטן אין עמעצנס נאמען אין
אפיציעלע אינסטיטוציעס, געריכט, צו באזארגן יענעמס
ענינים, פארשטעלן זיינע אינטערעסן אע % דער באפול-
מאכטיקטער פון דער רעגירונג האט אונטערגעשריבן דעם
אפמאך. די באפולמעכטיקטע איז א יונגע אדוואקאטין.

1948 " דער דייטש, ווי א באפולמעכטיקטער פון טויט
איז אומגעגאנגען דארט מיט א פארבלוטיקטן אריפמאמעטער".
פמ, ~~מלחמה~~, מלחמה, מאסקווע, ז׳ 45.

1951 "ווי נאר די יידישע פּליטים פּלעגן זיך באזעצן אין אן ארט [...] פּלעגט א באפּולמאכטיקטער פֿון דער חברה 'מפיצי-השכלה' איינארדענען א פֿאלקס-שול, א קינדער=גארטן". ל. שטיין. זב ליטע I, נ"י, ז' 114.

1968 "מיך האט מען באשטימט פֿארן באפּולמעכטיקטן צו זארגן און באזארגן די טויזנטער פּליטים אין שטאט מיט שפּייז און געלעגער" י. פּערעל, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 867.

באפּולמאַכטיקן ---- טרוו, פּפֿ באפּולמעכטיקן. (דטשמ) באפּאלמעכטיקן. איבערגעבן א צווייטער פּערזאן דאס רעכט אויפֿצוטרעטן אין עמעצנס נאמען (פֿון אן אינסטיטוציע, רעגירונג, פּריוואטער פּערזאן), צו קאנען פֿארנעמען זיך מיט זייערע ענינים אין געריכט, אפּיציעלע אינסטיטוציעס, רעגירונגס=אמטן אע צו פֿירן זייערע געשעפֿטן, נעמען אדער געבן געלט אאז"וו. באפּולמאכטיקן דעם אדוואקאט ארויסצוטרעטן אויפֿן פּראצעס. באפּולמאכטיקן דעם בוכהאלטער אונטערצושרייבן די טשעקן. די רעגירונג האט באפּולמאכטיקט דעם פֿינאנץ=מיניסטער צו אונטערהאנדלען וועגן דער הלוואה.

~~1880~~ 1867 "דאס היגע קאנסיסטאריום [...] איז דורך איין קייזערליכעס דעקרעט באפּאלמעכטיקט געווארדען אפּצושליטן איינע אנלייע (פּאזיטשקא) פֿון 26 טויזנט פֿראנק, וואס מען דארף נאך אויף אויסגאבן צום ענדיקן דער נייען סינאגאגע אין ליאן". ווארשויער יודישע צייטונג, שנה ראשונה, נ' 8, ז' 88.

1919 "אין קיין עפֿנטלעכער פֿארזאמלונג האבן מיר אים [...] קיין מאל ניט באפּאלמעכטיקט ארויסצוטרעטן אין אונדזער נאמען". זשיט IX, נ"י, ז' 105.

1947 "ער איז אויך באפּולמעכטיקט געווארן צו זיין דער אפּיציעלער פֿארטרעטער פֿון רעליעף אין דער פֿארוואלטונג פֿון די קינדערהיימען אין פֿאלקסשולן". א. קויפֿמאן, יזב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 268.

~~1919 "אין קיין עפֿנטלעכער פֿארזאמלונג האבן מיר~~
~~אים [...] קיין מאל ניט באפּאלמעכטיקט~~

באַפּ - 12

באַפּולמעכטיקונג -- די, =ען. --- באַפולמאַכטיקונג.

באַפּולמעכטיקט --- אַדי. --- באַפולמאַכטיקט.

באַפּולמעכטיקן --- טרוו. --- באַפולמאַכטיקן.

באַפּײַכטיקן באַפּײַכטן, פּײַכט מאַכן

באַפּײַכטן --- טרוו. פּאַר באַפּײַכט. פּפּ באַפּײַכטיקן.
פּײַכט מאַכן, באַנעצן, באַגיסן, באַשפּריצן
% באַפּײַכטן די פעלדער. די ראָסע האָט קוים באַפּײַכטיקט
די בלומען.

1865 " אונדזערע ערנסטע הייסע טרערן האָבן באַפּײַכטעט
די זאַמען". קמ, נ' 33.

1892 " [...] זײַנע קינדער זאָלן ווײַניקסטנס גייַן
באַפּײַכטן זײַן קבר מיט זייערע טרערן". ל. יאָסעלאָוויץ,
ר' עזריאל, ווילנא, ז' 9.

1921 " און שטילע און שטומע צווייי הינטישע אויגן -
// אויגן באַפּײַכטע באַפּײַכטע מיט פראַגע, מיט טענה".
אקש, וועגנט, קיעוו ז' 31.

1948 " די וואָס די זיסטע ליבע אויף דער ערד האָבן
געדיינט און זי באַפּײַכט מיט שטערנדיקן טוי פון
שיר=השירים". פּמ, מלחמה, מאָסקווע, ז' 98.

~~=רונג, די. =ער, =יז, =קעס~~

|| = רונג, די. די גוטע באַפּײַכטיקונג האָט געהאָלפן
דעם גערעטעניש. =ט,
=ט, אַדי. באַפּײַכטיקטע פעלדער.
= ער.

?/ | ...191 | " אוי, דער זייער און באַפּײַכטער!"
יהואש, אין געוועב II.

ם באַפּוכטיקן

1743 " און עס איז אייך גוט לנד און' פעט פול
מיט פעלדער און' ווייך גערטן, און' בוים גערטן, דיא
אלי בפוכטיקט ווערין פון די בעך |טייכן|". |——
שאר, אמשטרדם, לז' —

13

באַפֿײַערן --- טרוו. באַרעקן מיט פײַער פֿון ביקסן, האַרמאַטן || קטוו|. די אַרטילעריע האָט באַפֿײַערט די פּאָזיציעס פֿון שונא.

|| =ונג -- די. =ען. די באַפֿײַערונג האָט געדויערט אַ שעה צײַט.

באַפֿײַפֿן -- טרוו. 1. פֿײַפֿן אַ סך, לאַנג.

1951 [...] פֿלעגן די חדר=ייִנגלעך מאַכן פֿון ווייכע ווערבע=צווײַגן פֿײַפֿעלעך, כּדי דערנאָך צו באַפֿײַפֿן מיט זייער פֿריילעכקייט די גאַנצע שטאָט". ב. ריווקין, [illegible] זב ליטע !, נ"י, ז' 409.

2. אויספֿײַפֿן, אויסדריקן דורך פֿײַפֿן אומצופֿרידנקייט, פּראָטעסט, חוזק. די פֿאַרשטעלונג איז געוואָרן באַפֿײַפֿט און אַראָפּגענומען פֿון אַפֿיש.

// באַפֿײַפֿט זײַן (ווערן) = דורכפֿאַלן, ענדיקן זיך שלעכט, מיט אַ טראַסק.

1939 "[...] האָט אויסגעהערט דעם ענין, זיך האַלב געפֿרייט, האַלב געשראָקן... טאָמער געלונגט עס נישט? וועט דאָך זײַן באַפֿײַפֿט די שׂמחה...". ב. שקלאַר, אויף פֿאַלשע וועגן, קאָוונע.

באַפֿײַפֿן זיך - אומטוו. 1. ( שלש ) אײַנזעצן, באַנקראָטירן.

1894 " איר ווייסט נאָך ניט [...], אַז אײַער פֿײַפֿער האָט זיך באַפֿײַפֿט, אונדז אַלעמען אָנגעפֿײַפֿט?".
שע, יקנהז, [illegible] צײַט אויסג... ז' 103.
אַלד ווערק, נ״י 1944, ב׳ [illegible]

2. ( שלש לאַקל, סאַניק, מג ) " באַנאַרישן זיך, אויסשטעלן זיך אויף חוזק ". [קטוו].

באַפֿילן --- טרוו. אָנפֿילן, מאַכן פֿול.

1957 " ס'איז בלי ספֿק, אַז בה בשעה ווען ער|...| באַפֿילט ווערן מיט דעם דאַמאָלסטיקן אור וטוב". [illegible] נ"י, ז' 316.

באַמ: צום וואָרט 'באַפֿילן' - דאַכט זיך, אַז דאָס וואָרט איז אויסגעטראַכט - בכלל איז דער לדב פֿול מיט אַזעלע מאָדנע געמלאַכהטע ווערטער.

13a ביז פ -

פֿאַר בײַפֿונדן.

באַפֿינדן - טרוו. (דטשמ) געפֿינען, אויסגעפֿינען.

1929 " פֿאַרגרעסערטע צאָל צוקער אין בלוט און דאָס באַפֿינדן [טעקסט: בעפֿינדען] פֿון צוקער אין אורין".

זש' טאָג, נ' 1 - 2, וואַרשע.

1874 " אויך ...

ם ביפֿינדן פֿאַר בײַפֿונדן.

2. אויסגעפֿינען, דערוויסן זיך, האַלטן אַז [...].

1712 " עס איז איין מעכטיג געטליך ספר פֿאַר אלי מענשן אום דריך צו לייאנן גלייך איר עס ביפֿינדן ווערט ". איבז י. מאַרשן, יהושע בן סירק [סירא], אַמשטערדם, ציט ייבל XIII - 5 - 6.

1716 " אונ' נאָך דעם איך איבר דאַכט הב וויא דש איז צו פֿר שטין דער וואָרהפֿטיגר איינציגר,

(המשך)

זוה חב איך ביפונדן דז ווען איינר שון גליבט מיט גאנצן הערצן |...|". חה, אמשטרדם, הקדמה, ט - 2.

1776 " אונ' ווייל איך עש איצונד האב איבר לעזין אונ' האב עש ביפינדן זאר |זייער| שלעכט", זיבן ווייזן מינשטר ביכל, אמשטרדם, ציט ייבל XII, 65.

באפינדן זיך --- (עדט) געפינען זיך, זיין (ערגעץ).

1876 " איך האב געזען אין טרוים דאס מיר האבן זיך אין פעלד באפונדן". מכירת=יוסף-שפיל, לעמבערג.

ם בפינדן זיך

1770 " דער ווייך בפינדט זיך אין מווייאה ברופין אלש נעמליך אין דיא געטליכקייט אלש קודוש אונ הבדלה [...]". איבז ר' יוסף דארמשטאט, הרב משה אלשיך, תורת משה, קארלסרוא, תקל"ל, דף כ"ז, -III.

ם [באפינדלער] בפינדלך זיין (זיך) -- מעגלעך צו געפינען, צו טרעפן.

1729 " זעלכי לייט גיבט די ממש גאר קיין ידיעה הבין (האבן) אין דער תורה [...] כלל אין לשון הקודש ספרים קענין זיא זיך גר ניט העלפן, אביר אין יראת שמים זיינן זיא זיך דאך בפינדלך". ר' אריה ליב |...| זעליגמן |...|, תקוני מועדים, פיורדא, תפ"ט, דף ח/2.

באפיפקען זיך --- (שפש) באנארישן זיך, דורכפאלן, מיאוס ארייפאלן % "איי, האט ער זיך באפיפקעט!" |קטוו|.

באפירכטן -- אוטוו. (דטשמ) מורא האבן, שרעקן זיך.

1900 " ווען אברהם האט געזאלט גיין נאך מצרים אונד האט בעפירכטעט א איבערפאל פון די מצרים |...|". ו. יאקאבזאהן, המאיר לארץ, מינעאפאליס.

באפלאטערט --- פאדוו (שנש) (ווי) ארומגענומען מיט דעם פלאטערן (פון פענער אד"גל).

?|196...| " [...] געזעסן איז ער נעכטן אויף א פירערטראן, באפלאטערט מיט א זיגערישער הויכער פאן". הל, אפאקאליפטיש, די שער פון גענאדע [ארט? זייט?]

צוגאב 116, צו (באפ), ז׳ 15.

באַפּלאַנצן - טרוו. 1. באדעקן מיט פלאנצן, פארזייען געוויקסן, בלומען, ביימער. % באפלאנצן די וועגן מיט אייקאליפטוסן. מע האט באפלאנצט די בערג ארום ירושלים. מע באפלאנצט די סעדער מיט עפלביימער.

1889 " דיזער פלאץ איז גענוג לאנג און ברייט, באפלאנצט מיט שיינע וועלדלעך |...|". אמד, עוועגניע I, ווילנע, ז׳ 3.

1900 " וועגן דעם אז די גאסן זאלן זיין באפלאנצט מיט ביימער זארגט מען זיך אין די שטעט אויך". מ. וועללער, ווי מען פלאנצט א סאד, ווילנע, ז׳ 3.

1951 " ארום שטעט און שטעטלעך האט מען געקאנט זען אויף יידישע פעלדער גרעסערע שטחים, באפלאנצטע מיט טאבאק". י. כאסין, זב ליטע I, נ"י, ז׳1002.

2. (פיג) באדעקן/ ארומשטעלן געדיכט, ווי מיט פלאנצן.

1868 " נאפאלעאן [דער דריטער] האט געראטן דעם פאפסט די באפעסטיקונגען אין רוים מיט קאנאנען צו באפלאנצן און האט אים 80 געשענקט". קמ, נ׳ 16, IV, ז׳ 121.

1965 " איז מתקן זיין ווערק און דערגאנצט עס, // [...] פארזייט און באפלאנצט עס". י. מאניק, זש׳ צוק, מאי - יוני.

באפ̄ - 15.

ם | באפלאסטערן | ב י פ ל א ס ט ר ן -- טרוו.

1. ארומלייגן מיט הייל-פלאסטערן.

2. (פיג) היילן, מילדערן די קראנקהייט.

1768 " און דוא האשט דר לייכט און אויז גצויגן (מזרר) איין היילונג |...| צו ביפלאסטרן די א קראנקהייט".

מחזור יו"כ |...| והדרת קודש אויף טייטש, אמשטרדם, תקכ"ח, 20.

?נ? ב א פ̄ ל א ס ן - פארוג פון באפלוסן. (שנש)

באגאסן, פארגאסן; פארפלייצט.

1948 " ס'קומט מיין חתן//, זון באפלאסן,// ווי אנטשלאפן לייכט זיין בליק". ל. ניידוס,

ציט זש' גאפ, ב"א, ז' 11.

?נ? ב א פ̄ ל י א ס ק ע ן - טרוו. | שנש: געבן פליאסקעס, פעטש.

1968 " לאכט הערשל אפ פון זיך אליין און זאגט: מאראל, מאראל, האט מיך באפליאסקעט ". איבו, ש. עגנון,

טמוז, 29.

ב א פ̄ ל י א ק ע ו ע ן -- טרוו. (וולג) באשמוצן, באדעקן מיט שמוץ. " די האט מיך באפ̄ליאקעוועט". " א פ̄ליאק- אן אומריינער" [קטוו].

באפֿליגלט – פאדי פון באפֿליגלען.

1. וואס האט פֿליגלס % באפֿליגלטע בעלי-חיים. די באפֿליגלטע חבריה – די פֿייגעלעך. דער זשוק איז א באפֿליגלטער אינסעקט. פעגאַז – א באפֿליגלט פֿערד.

1930 " ווען אין טשייני-טאַון ווייזן זיך פֿלוצלינג געלע טאָגען אויף די הייזער, מיט שווארצע באפֿליגלטע שלאנגען". דא, פון בערלין ביז סאן-פֿראנציסקא, ווארשע, ז' 62.

2. וואס איז (זעט אויס) ווי מיט פֿליגל.

1948 " דער פלאם זיך שליידערט א באפֿליגלטער אויף ווייט, // און פארן ווינט – אליין די ביכער בלעטערן זיך איבער". פֿמ, מלחמה, מאסקווע, ז' 560.

3. (פֿיג) דערהויבן, באגייסטערט. % באפֿליגלטע ווערטער. די קעמפער זיינען אוועק אין שלאכט באפֿליגלטע מיט ליבע צום פאלק.

1904 " זע ווי עס טראגן זיך פֿאַרלעך,// באפֿליגלט פון זיסער מוזיק". ד. עדעלשטאט, פֿאלקס-געדיכטע, נ"י, ז' 47.

1937 " ברידער באפֿליגלטע, שטורמישע, // קומט נאר אהער צו און זעט [...]". סוצ, פֿון I, ת"א, ז' 53.

1961 "[די קריטיק] דארף עס טאן ניט נאר ראציאנעל-אנאליטיש, נאר אויך עמאציאנעל באפֿליגלט וואס זאל זיין אין אוניסאן מיט דער באגייסטערונג". י. שטערנבערג, זש' סאוו' היימלאנד, נ' 3, ז' 114.

|| =ערהייט

156 13

באפליגלטקייט — די/דאס, בא. 1.די

אייגנשאפט פון האבן פליגל. % ניט אלע אינסעקטן

האבן די מעלה פון באפליגלטקייט.

2. (פיג) דערהויבונג, באגייסטערונג.

1957 " [...] איר יעדע פיגור, איר יעדער טראט און

באוועגונג, וועלכע איז געקומען פון עכט קינסטלערישער

באפליגלטקייט". גס, פופע, אין זש' פאריזער

צייטשריפט, פאריז, נ' 17, ז' 18.

1960 " [...] עס איז דא אין איר די געהויבנקייט, די

באפליגלטקייט פון א ליד". שנ, שלום אש,

נ"י, ז' 372.

3. (פיג) פאנטאזיע, אייגנשאפט צו וועלן שוועבן,

פליִען (אין דמיון, געדאנקען).

1973 " דער לאדזשער ייד האט אין זיך עפעס א ספעציעלע

באפליגלטקייט, ער איז טאקע זאכלעך און פראקטיש,

אבער גלייכצייטיק איז ער א גרויסער בעל־חלומות".

ח. ראזענפארב, בוים פון לעבן, ת"א, ז' 62.

15c באַפּ-

ב אַפּ ל י ג ל ע ן -- באדעקן ווי מיט פליגלען.

1943 " געדיכטע שאטנס באפליגלען דעם טאל". אש, מאן פון נצרת II, נ"י, ז' 37.

2. (פיג) צוגעבן גיכקייט, ריירעוודיקייט, שוווּנג, ווי האבנדיק פליגל.

1910 " ער זאל באפליגלען דיין גייסט, [...] // די זאלסט געדענקען ביזן טויט // דיין פאטערלאנד, דיין ציון". ש. פרוג II, פאעזיע, נ"י, ז' 6.

1929 " דער הייסער דראנג באפליגלט זיינע טריט, // און שנעלער שפאנען זיינע פיס צו דער הייט". ב. ראקער, זעקס כאראקטערן [...], נ"י, ז' 202.

3. (פיג) דערהייבן, באגייסטערן, אריינגעבן מוט, גלויבן עפעס צו טאן.

1930 " מאך לייכט דיין גייסט, // וואס דריקט מיך צו דער ערד, // באפליגל אים מיט יענעם גרויסן גלויבן [...]" דא. ווילאלעט, פאריז, ז' 65.

1963 " ס'איז געוועזן די נשמה יתירה, וואס האט מיר באלויכטן און באפליגלט דעם וועג". צייטשריפט יג, איין טמוז, 19/IV.

באפליטערט -- אדי / אדוו. באפוצט, באצירט מיט פליטערלעך. די קרוין א באפליטערטע מיט טייערע שטיינער. באפליטערטער הוט.

1915 " דאס אויסטערלישע שבת=קלייד באפליטערט מיט פאטשערקעס מיט שווארצע [...]". ל. ניידוס, ליריק, יעקאטערינאסלאוו, ז' 126.

1938 " דער טונקל בלויער הימל, מיט זילבער באפליטערט, [...] ליגט אין רו". יחיאל לערער, מיין היים, ציט [illegible] יפא, נ"ק 4, ווארשע.

1961 " אין אטלאסענע שווארצע קאפאטע // מיט ווייס= גרויע לאקן באפליטערט". ייש, גל, נ"י, ז' 19.

באפלייסיקן [?] ביפלייסיקן / בפלייסיגן -- טרוו. צוגעבן חשק, פלייסיקייט.

1723 " אויך האבן אונדרי חכמים גיצילט [גיצייל] אכט אונ פירציג מדות פר דעט תלמיד חכם, די גיפינד מן אין פרקי אבות, אזו קן מן זיא לייאנן אונ ביפלייסיקן זיא צו אונטר האלטן". לט, אמשטרדם, י' 154.

1743 " אום צו פֿרשטארקן דש הערץ פֿון דיא איבריגי (קהלות) אין דיא לענדר, אונ' זיא צו בפלייסיגן אום צו היטן דיא ( תורת משה)". שאר, אמשטרדם, נ"א.

[באפלייסיקן] בפלייסיקן זיך -- אוטוו. [illegible] פלייסן זיך, סטארען זיך; ארייגלייגן מי, ארייגטאן זיך אין עפעס.

1716 " דארום ביפלייסיג דיך מיין ברודר דיין הערץ דר פֿוןאפ צו ווענדן [...]" חה, אמשטרדם, קס"ב.

1743 " דא האט דר רמב"ן גרושי (חשק) גקראגן אום דיא ( הכמה ) צו לערנן, אונ' ער האט זיך בפלייסיגט". שאר, אמשטרדם, ע"ג.

באפלייסן זיך --- אוטוו. (אלט) פאר באפלייסט /

באפ̄- 17.

באפליסן. באמיען זיך, סטארען זיך; פלייסן זיך.

1932 " ער האט איך גאר א קורצער צייט אוואנזשירט [=אוואנסירט] דורך זיין באפליסן זיך און איז געווארן אונטער=אפיצער [...], ווייטער האט ער אלס ייד נישט געקאנט דערגרייכן". י. ל. שפירא, דער אידישער גייסט [...], מונקאטש.

ם ביפלייסן ~~[illegible]~~ זיך.

~~1686~~ /1697 " האב מיך זער בפ̄ליסן, דאש זולט איר וויסן, מיט הארטר ביסן אונט פ̄יל צו שאפ̄ן". ס' משלים, פפדם, ~~תמ"ז~~, 2/83.

1739 " ווער זיך בפלייסט צו טואן איין ( עברה) ווערט ענטפערנט [=דערווייטערט] פון זיין לושטן ( דז ער נימאלן זאט דרפון ווערט )". ס' מבחר הפנינים, הומבורג, תצ"ם, מא.

ב א פ ל יי צ ן --- טרוו. באגיסן, פארגיסן; פארפלייצן. [א. לעווין, כ"י, ווב, ב"א, 1913].

ב א פ ל יי ש ט -- פאדי / פאדוו פון באפליישן. 1. מיט ( א סך ) פלייש: באפליישטע ביינער.

2. דיק, ~~[illegible]~~ באלייבט. א באפליישטע מויד. דער באפליישטער פויער.

1965 " יצחק קאביראווסקי איז געווען א הויכער, ברייט=ביי ניקער און רייך באפליישטער ייד". ~~[illegible]~~, זב ליטע II, ת"א, ז' 682.

ב א פ̄ ל יי ש ן -- טרוו. (שנש) באלעבן, רעאליזירן.

1959 " כ'וועל [...] באפליישן און באהויטן אלע טרוימען". י.צ. שארגעל, פון ווייַ און גלויבן, ת"א, ז' 78.

ם [באפלייסן] ב י פ ל י ס ן / ב פ ל י ס ן _ פלייסיק, טיכטיק, וויליק.

1798 " די סופרים זייך קלוג און ביפּליסן, און
זיא שרייבן אלש אך". משל הקדמוני, אוסטרהא, ז' 32.
" דוא זאלשט ווישן, דש מן הערץ איז צו מעשים טובים
בפּליסן". דצוו, ז' 24.

באפּליטן II -- טרוו. פאר באפּלאסן. ( שנש )
פארגיסן, פארפלייצן.

1915 " א ווילדער גאט האט אים באפּלאסן
א מאל מיט זייך געגאד". ל. ניידוס, ליריק, יעקאטערינאסלאוו,
ז' 51.
" באגאָסן דיך, באפּליסן דיך מיט שייך" ל. ניידוס,
ליטווישע אראבעסקן, ווארשע, ז' 104.

באפּליקן - טרוו. ( שנש ) ארומפּליקן, ארומרייסן.
1963 " די בלעטערקרוינען זיינען ערטערווייז באפּליקט".
מ. מ. שאפיר, איך קום אהיים, מאנטרעאל, ז' 96.

באפּליקער - דער, =ס. בארייסער [ מארק ווב 734 ].
דער דאזיקער קרעמער איז באמת א באפּליקער, ער רייסט
און פליקט פון טויט און פון לעבעדיק.

באפּלעגן - טרוו. ארומגיין ארום עמעצן,
( א קראנקן אע ), אכטונג געבן, אויפּפּאסן אויף עמעצן.
באפּלעגן די קליינע קינדער, מע האט געדונגען א
מענטשן צו באפּלעגן דעם אלטיטשקן.
1949 " די מענטשן, וואס באפּלעגן דעם קראנקן, דארפן
וואשן אפּט די הענט". פגעז, פאריז, נ' 3.

18a — באַפֿ

באַפֿלעכטונג -- די, ־ען. אויסגעפֿלאַכטענע נעץ פֿון דראָט, שטריק אאַ: די באַפֿלעכטונג פֿון צווייגן האָט פֿאַרשטעלט דעם אַרייַנגאַנג. אַ באַפֿלעכטונג פֿון קרייַכיקע געוויקסן אויף דער וואַנט.

1939 " ווי איך וועל נאָר אַרויסגיין פֿון טיר, וועל איך זיך פֿאַרשטעכן פֿאַר די פּילפּאַכיקע באַפֿלעכטונגען פֿון שטעכיקן דראָט". אי. קיפּניס, פֿון די יונגע יאָרן, קיעוו.

באַפֿלעקן -- טרוו. 1. באַדעקן מיט פֿלעקן, אויסשמירן מיט עפּעס וואָס לאָזט איבער פֿלעקן, פֿליאַמעס. באַפֿלעקן די ווענט. די שילערס באַפֿלעקן אַלע מאָל זייערע בענק מיט טינט. דער מאָליאַר האָט באַפֿלעקט דעם דיל מיט אייַלפֿאַרב.

1871 " האָסט צו דער טאַבאַקאַווע געשמעקט, האָט זי דיר דאָס נעזל רויט באַפֿלעקט. א. ב. רוף, דער שיכור, |...|, וואַרשע, ז' 12.

1924 " |...| ביז דאָס חופּה־דאַך האָט צוגעדעקט מיט דעם קלייד פֿון בלוט באַפֿלעקט. מלה, די גאָלדענע פּאַווע, קליוולאַנד, ז' 27.

1968 " די וועגן, דורך אונדז אויסגעטראָטן אין די שנייען, זענען געווען אַפּט באַפֿלעקט מיט אונדזער בלוט". ל. גאָלאַמביאָווסקי, זאב אטוואצק, ת"א, ז' 1037.

2. ( פֿיג ) גורם זיין א מאראלישן פגם, באשמוצן גייסטיקע ווערטן אע באפלעקן דעם כבודמע האט באפלעקט זיין נאמען.

1872 " איך די פרעמדע געדאנקען [...] וועגן רום און כבוד די זיינען נאר פון דעם יצה"ר [=יצר=הרע], ווייל ער וויל זיינע מעשים טובים באפלעקן און באשעדיקן". ר' הלל ליכטנשטיין, עת לעשות II, סאטמאר, צום לויט איבערדרוק פון 1925, ו' נג – II.

1947 " [...] דער אויפרוף פון פוילישע שרייבער [...] וואס האט גערופן "פארהערלעכן דאס הייליקע, וואס א האנט פון א מערדער קען נישט באפלעקן". ד"ר י. שאצקי אין זב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 4.

1972 " מיר ווילן אראפנעמען א פלעק מיט וועלכן די קריסטן האבן אונדז באפלעקט". מ. צאנין, פאר, VII/19.

|| =ונג. =ער ( =ין, =קע ).

**ביפלעקט**

1. ←

1661 " [...] איין ביפלעקט און זויבר טוך דש דא גינוצט אונ' גיברויכט הוט איך פרויא די נטה |=נידה| גיוועזן איז". יוסיפון, 2, אמשטרדם, דף לא – II.

|1685 ?| " אונ איך אנת גיהערט דא ער צו גרוש יראת שמים דז מן דיא נשמה ניט חס ושלום ביפלעקט" ~~ב' מ' עפשטיין, דרך הישר~~ לעולם הבא.

ב. מ. עפשטיין, דרך הישר לעולם הבא, פפד"מ, [תמ"ה], דף ל–2.

1739 " [...] דען עש איזט קיין ( צניעות) וועך דעם (בן אדם) זיין קליידר ניט שטעץ זויבר אונ' ווייט זיין, כלומר דש זיינה ( נשמה) [...] ביפלעקט אייזט". מבחר הפנינים, הומבורג, תצ"ט, דף כ"ט.

באפֿעדעמט – באפעדעמט. (שנש) באדעקט, ארומגעוויקלט (ווי) מיט פעדעם.

1947–1945 " אינטערן ברונעם, באפעדעמט מיט נעפל, איז קענטיק דער בעלמאנט". סוצ, פון, I, ת"א, 1963, 455.

ם [באפעדערונג] ב פ ע ד ר ו נ ג -- די, בא.דאס פעדערן זיך, דאס קומען פרי ( פריער ).

1722 " ובקדימה אונ' מיט אזו איין בפעדרונג האבן זיך ברימט גרושי ( תלמידי חכמים ) דש זיא זייך פריאגנגין אין בית המדרש". ~~העתקה~~ אוהב ר' משה פרנקפורט, [...], מנורת המאור, אמשטרדם,

באפעדערט - פאדי/פאדוו פון באפעדערן.

1. וואס האט פעדערן, באדעקט מיט פעדערן. דער ווייס באפעדערטער פויגל. די קוים באפעדערטע הינדעלעך גייען ארום מיט דער קוואקע איבערן הויף.

1888 " יונגע געגנדזלעך צעלויפן זיך, אונטערפליענדיק א ביסל מיט די קליינע, נאך ניט באפעדערטע פליגעלעך". ממוס, ווינטשפינגערל, ציט אויסג' ווארשע, 1913, ז' 22.

1930 " פייגל שוין באפעדערטע האבן |זיך| צוריקגעקערט". א. שומיאטשער, אין שהען פון ליבשאפט, ז' 162.

1957 " אויסציענדיק איר שווארץ באפעדערטן האלדז, האט זיך איר [דער קראָס] פיסקל צעעפנט מיט א רעשיק געשריי". ש. בראון, יזב הגובא בילגאריי, ת"א, ז' 161.

2. איינגעריכט אין פעדערן פון עופות. א באפעדערטע קאפאטע. נאכן אפפליקן אלע עופות איז די באלעבאסטע ארומגעגאנגען א באפעדערטע פון אויבן ביז אראפ.

[illegible]

20a

באַפֿעדעריק אדוו. איינגעריכט אין פֿעדערן פֿון עופֿות.

1836 " דאש זייני קליידיר זאלין זיין ריין ניט איינגיריכט, ניט באפעדריק לט, סדילקוב, ז' 14/2.

באַפֿעדערן I -- טרוו. | מארק ווב 727, 1378|.

1. באדעקן מיט פעדערן. די עופות האבן באפעדערט דעם דעם גאנצן שטאל.

2. אין פאסיוו – באפעדערט זיין / ווערן. האבן פעדערן. די פייגעלעך זיינען געל באפעדערט, דאס הינדעלע ווערט גיך באפעדערט.

1926 " איז דער גאנצער קערפער פון דער טויב באפעדערט? וועלכער טייל איז ניט באפעדערט?" יאכינסאן, ארבעט בוך אויף נאטור=ווינסנשאפט I, קיעוו, ז' 265.

|| באפעדער – דער. דער גאנצער פעדערן=באדעק פון א פויגל. ~~באַגנעבעכאַ – דער באַפֿעדער – טט – א – אטעב – נעאַ~~

" פארגלייכט דעם באפעדער פון א טויב מיטן באפעדער פון דער הון". די

=ונג/ די. דזוו באפעדער. | מארק ווב 727|

באַפֿעדערן זיך -- באדעקן זיך מיט פעדערן. קריגן פעדערן. די קאטשקעלעך האבן זיך גיך באפעדערט. געוויסע פייגל באפעדערן זיך אויף ס'ניי אויף ווינטער.

באַפֿעדערן II -- טרוו. 1. (קומען, געפינען זיך) (פארויס, פריער) (פון עפעס עמעצן)

באפּ-21.

1885 " גערעכטיקייט און ריכטיקייט זיינען די פעסטקייט פון דיין שטול. גענאד און וואָרהייט באַפּעדערן דיין אנגעזיכט". [מחזור?] מעריב ליל, י"פּ II, פ"מ.

2. [גוזמא] שיקן פאָרויס, פאר פרי, ביי צייטנס.

1936 " די סנהדרין פון ירושלים [...] האבן געאיילט צו באַפּעדערן שלוחים, זיי זאלן ארויסגיין פון פארנאכט צו מאכן בינטלעך פון די צייטיקע גערשטן |פאר'ן עומר|". מחזור ע"ט, בית ישראל |...| פסח I, ווילנא, ז' 169.

באַפּעטיקן -- טרווא ~~א. לערנער, ב', ווב, ב"א 1913~~ |.

1. פעט מאכן; באַלייגן מיט פעטס. באַפּעטיקן די פּאַן מיט בוימל, דאס געבעקס זאל זיך ניט צוברענען.

1971 " מאמע, ווען האסטו עס באוויזן אנבאקן אזוי פיל בלינצעס [...] און צונויפלייגן באַפּעטיקטע אין דער געלער, געגלייזטער ריין?". אי. קיפּניס, מיין שטעטעלע סלאָוועשנע, ת"א, |196?|.

2. (פיג') פרוכפּערדיק מאכן די ערד דורך באַמיסטיקן.

1911 " זיבן, אכט חדשים אין יאר איז ער פארנומען מיט ערדארבעט, אקערן, זייען, באַפּעטיקן די ערד" מ. בלונקין, דאס נייע לעבן, יאנואר, ז' 8.

באַפּעטסן - טרוו. 1. | מארק ווב 1297 |.

אויסשמירן, באדעקן מיט פעטס. באַפּעטסן די שרויפן. מע דארף באַפּעטסן די שליטנשיך, זיי זאלן נישט זשאווערן.

2. (פיג) אונטערקויפן עמעצן, געבן א פעטע מטבע אין האנט אריין: מע האָט דעם גרענעץ=באאמטן גוט באַפּעטסט - די סחורה וועט שוין דורכגיין.

באַפּעיִקן ~~טרוו. ווב 1964~~ מאכן פעיִק,
טרוו. | מארק ווב 1964 | מאכן פעיִק,
מאכן מיגלעך (צו טאָן עפּעס), אנטוויקלען די פעיִקייטן. די נייע מעטאדן און דידאקטישע מיטלען באַפּעיִקן די קינדער צו פ... [באַרעכטיקן שווערער פּראָ]בלעמען.

21 : 13

צוגאב 207, צו (באַפֿ), ז׳ 21.

1912 "די דאַזיקע קינדער דאַרף מען באַטראַכטן ווי
מינדער באַפעיקטע, מ׳דאַרף פאַר זיי מאַכן
ספּעציעלע קלאַסן |...|". אסתר, אַן ענטפער די
געגנערס פון יידיש, טשערנאָוויץ, ז׳ 3.
? | 196 ½ "זייַן דערציִונג |...| האָט אים איבעריק
נישט באַפעיקט צו באַנעמען ליטעראַטור=ווערטן". דב סדן,
אַרייַנפיר צו דאָס ייִנגל משה, ז״ה׳ [??].
|| =ונג.

באַפֿעל -- דער, =ן, סובסטאַנטיווירונג פון ווערב
באַפעלן אין דער פערזאָן=פאָרמע. 1. פאַראָרדענונג,
קאַטעגאָרישער אָנזאָג, געהייס אָדער פאַרזאָג עפּעס צו
טאָן (אָדער ניט טאָן), אַרויסגעגעבן דורך מאַכטאָרגאַנען
(הערשער, קיניג, רעגירונג, אַמט, אַדמיניסטראַציע אַע),
דורך אָנפירערס, עלטסטע אין ראַנג (דירעקטאָר, פאַרוואַלטער,
אָנפירער אַע), קאָמאַנדע (אין אַרמיי, ספּאָרט אַע). o/o

שטרענגער, הארבער באַפּעל, אדמיניסטראַטיווער באפעל,
רעגירונג (ס)=באַפעל. לויט דעם באפעל/אויף דעם באַפעל
פון [...] באפעל צו פארן אויף דעם וועג; באפעל
צו רעגיסטרירן אלע אויטאָס. באַפעל אַרויסצוטרייבן
די יידן פון די דערפער. באַפעל, מען זאל פארלאזן
די שטאט צוליב דער באמבארדירונג. באפעל, אז מען
זאל זיך פארזאמלען אויף דעם פלאץ. געבן
(ארויסגעבן) א באַפעל. אפרופן (אפשאפן) דעם
באפעל. ארויספירן (פאלגן, ארויספאלגן) דעם
באַפעל. איבערזיין אויף דעם באַפעל.
ס'איז ארויס א באפעל, ס'איז געקומען (ארויס-
געקומען) א באפעל. באַקומען (קריגן) א באַפעל.
אין הסכם מיטן באַפעל. אין סתירה צום באַפעל.
צו דער באַפעל, הער קאַפּיטאַן!

1834 " איר ווײַשט נישט אז עס איז געקומען אײַן
באַפּעל [...] אז עס זאל קײַן יהודים איבערבלײַבן אין
גאַנץ פּוילין". מעשה גדולה מן אומן, סידילקאָוו, ציט.
לויט הש I.

1865 " דער קעניג האט [...] געגעבן א באַפּעל,
אז [...] איינער פון הינטן [...] זאל אים אראפּכאַפּן
דעם קאָפּ". א. צווייפעל, תולדות חיים, ווילנע, ז' 90.

1904 " ווי א דונער פון א קלאָרן הימל איז דער
באַפּעל ארויסגעפאלן אויף דאס מיליטער". מ. מיכלזאהן,
טאַדעאוש קאשציושקא, לאנדאן, ז' 25.

1968 " לויט א באפעל פון מאסקווע איז אויפגעלייזט
געווארן די קאמוניסטישע פארטיי פון פוילן". נ. געלבארד,
~~אין~~ יזכר אָסוואַצק, ת"א, ז' 319.

1971 " די מעלדונג האט געלויטעט אז ווער עס וועט
ניט פאלגן דעם דאזיקן באַפעל אין 24 שעה צו פאר-
לאזן דאס שטעטל וועט באשטראפט ווערן מיט טויטשטראף!"
ל. וונדה, אין יזכר זלאטשעוו, ת"א, ז' 298.

2. מאַראַליש- רעליגיעזער געבאָט.

1851 "[...] אז איר זינדיקט זענט איר דערפאר מקבל איין עונש קערט איר בוודאי האלטן גאטס באַפעל". חעט, דברים ל-יט, זשיטאמיר.

3. אנווייזונג, אינסטרוקציע ווי/וואס צו טאָן, שליחות:

1838 " און [יוסף] גיבט די באַפעל צו זיינע דינער ער זאל געהן אויף דר שטעל צו ברענגען די זיבנציג גבורים [...]". א. פאוויר. גדולת יוסף, יוזעפאוו, טו...

[189...] " אויף איר באַפעל ווערן געעפנט די טאפל=פענצטער |...|". ממוס, א גרויע האר, ז' 3.

|189...| "דא וועסטו ארבעטן אונטער מיין אויג, לויט מיינע פלענער, לויט מיין באַפעל". פרץ [!!], פּג ציקא.

1901 " זיי | די פּיס| קריגן דאמאלט א באַפעל פון אים |פון מארק| צו גיין און זיי גייען".

1930 " מען זעגנט זיך, מע קושט זיך [...] מען גיט די לעצטע באַפעלן "דא, פון בערלין [...], ווארשע, ז' 283.

1936 " רייזל |...| א באפעל געגעבן די מיידן צוצושטעלן א קנאבלבארשט מיט קארטאפל". ש. האראנטשיק, ...

... אנט, נ"י, ז' 164.

|| באַפעלטער -- דער, =ס. |אַלט| אָנגעלטסטער מלמד=טייטש פאר 'פקיד' אין ירמיה כ - 1. ...
| תי: אויבערויפזעער |

באַפעל=אופן, דער, ב"א. (גראמ) פּפּ באַפעל=מאדוס, באַפעל= שטייגער, אימפעראטיוו, פארמע פון ווערב, וואס ווייזט אן, אז די זאך דארף ( זאל ) געטאן ווערן לויטן באַפעל, ווונטש פון דעם זאגער. % גיי אהיים! זעצט זיך! לאמיר פארן אין פארק אריין ( די ווערבן גיי, זעצט זיך, לאמיר פארן זיינען אין באַפעל=אופן).

1921 " מיר קענען אויך ארויסזאגן אונדזער ווונטש, פארלאנג אדער באפעל, די טוּנג זאל פארקומען [האבן מיר] דעם באַפעל=אופן" ימ. שול-גראמאטיק, קעווענ.

באפעל=געבער, דער, =ס. |ווי =ין, =קע|. דער וואס גיט באפעלן הערשער, דער וואס האט די דעה, די מאכט.

1893 " אלע צרות און אלע אומרעכטן [...] זיינען נאָר געקומען פון דעם, וואס עטלעכע מענטשן האבן געהאט די מעגלעכקייט צו ווערן 'העכער איבער העכער', צו זיין 'מיוחסים', 'גדולים' און הינטישע באפעל=געבערס.

ב. פייגענבוים, די גאולה, נ"י, ז' 42.

1966 " איז דער מלך געפאנגען געווען און ווי באפעלגעבער איז ארויף דער קאמאנדיר". מ. צאנין, ארטאפאנוס [...], ת"א, ז' 163.

1971 "|...| האב איך זיך שטילערהייט און מיט זיכער-קייט אנגערופן: בין איך דער 'באפעלגעבער'". י. פרשנד, זלאטשעוו, ת"א, ז' 192.

באפעלהאבער -- דער, =ס. |...| מאכטהאבער, הערשער.

1837 " זייארי אייגיני יודישי גיוועלטיגירס און ביפעלהאבערס זענין משונה גרוסי בעלי גאוה גיוועזין". איין קיצור פון דיא מעשה פון די יודין, ווארשע.

באפעל=מאדוס -- דער. בא. באפעל=אופן.

באפעל=פאָרם -- די, בא. | מארק רוב 1316 |.
דזוו באפעל=אופן.

באפעל=שטייגער -- דער, בא. דזוו באפעל=אופן.

גירוש=באפעל -- פאראָרדענונג, גזירה ארויסצוטרייבן (די יידן) ...

1951 " די לאקאלע באאמטע האבן טאקע דעם גירוש=באפעל פון דער העכערער מאכט דורכגעפירט מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט". ל. שטיין, זב ליטע I, נ"י, ז' 97.

געריכט=באפעל -- פאראָרדענונג פון א געריכט דורכ-צופירן ארעסט, רעוויזיע א"א.

טאגבאפעל -- ( מיליטער ) דאקומענט וואס ווערט פובליקירט ( אדער פארגעלייענט) פאר די מיליטער=איינהייטן,

אפיצירן, סאלדאטן, וווּ ס'ווערט אנגעגעבן די וויכטיקסטע
אקטיוויטעטן און צילן אויף דעם געגעבענעם טאג.

ביפעל / ביפעלק / ביפעליך / ביפעלכי.

---> 1.

~~סוף ט"ז — י"ה — "אונ' אלש דרא~~

1648 " דיא פפארטן וואלטן ניט גין אויף // דז וואר
אירר הייפט לייט ביפעלכי // מיר ווארן איר תופס מיט
ממון אונ' גוף // ווער האט גיזעהן איין עת צרה איין
זעלכי". מגילת וויניץ, אמשטרדם, ז' 17.

| סוף י"ה | " אונ' אלש איך זופליצירט | געבעטן |
האב אן דוכס יר"ה איז מיט דעם בפעלן בחותם של הדוכס
יר"ה איין גשלאסין וואדדן". זכרונות מרת גליקל האמיל, [...]
ז' 312.

1743 " אום דש בפעהל צו ניקש צו מאכן זיא לאזטן
אן דען קינג פיל געלט אן ביטן". [...]

1703 " און זונטאג איך ג"ז בתמוז קאם דער אונטר
שופט מיט איין בפעליך פון קנצלר און ב' שוטרים
צו פירן מיך אין דער תפיסה |...| וואו דיא חייבי מיתות
זיצן". כ"י מגילת איבה, ציט גרשט עריק, געשיכטע פון
דער יידישער ליטעראטור |...|, [...] 1928;
ז' 202.

1796 " א משל ווען איין קיסר איין בפעל לאזט איין
אלי מקומות אין די טארץ אך גשלאגן וואש ער האבן וויל".
י. מ. עפשטיין, דרך הישר לעולם הבא, שקלאוו, פרק כ"ז.

---> 2.

1661 " און דש זעלביג ווערט גישעהן דורך דיא הענד
דערן דיא דא וואל קענן ווערקן אן דעם זעלביגן ווערק
אונ' דיא דאראן ערבייטן ווערדן אין דעם ביפעלך גאטס".
יוסיפון, אמשטרדם, שכ"ז [...]

1724 " נון רבונו של עולם איך גיא איצונד אויז,
דיין ביפעל נאך צו קומן און ביגיע כפי מיך צו ארנערן".
[...] ר' צבי הירש מפיורדא, דרכי נועם, ווילהרמשדארף,
[...] דף ב/2 - ג/1.

1774 " מאנדאט, ביפעל, גיבאט". יוסף מארשן, חנוך לנער, פיורדא, תקל"ד, כב, -

---> 3.

[סוף XVIII] " יום ב' האב איך דען יועצי מיין ביפעהל בעניך אלך כתבים אן געבין". זכרונות מרת גליקל האמיל, ז' 362.

1713 " גינעדיגשטי פרויא איר ביפעלך וויל איך נאך קומן ביהענד // זיא וואלן מירש פרייא אן צייגן איך דיזן מאמענט". מכירת יוסף, פראנקפורט, ציט אוצ, לייפציג 1862.

ס בפעל געלט. -- דאס, בא.

1761 " [...] וגם בפעל געלט כלל יכלל לא ישכר [...]". תקנות ועד, ציט ש. דובנאוו, פנקס מדינת ליטע, בערלין, תרפ"ה ( 1925 ) ז' 271.

ביפעלש האבר.

באפעלהאבער | ביפעל האבר

--- דער, =ס, 1. איבערהאר, געוועלטיקער.

1679 " אונ' מאן זעצט ביפעלק האברש איבר זיא [די עברים] די זיא מיט שווערי דינשטן דרוקין". בליץ, שמות א - יא. [הי טייטשט דא: ' וישימו עליו שרי מסים' - האבן זיי געמאכט איבער אים צינזהארן".]

1760 " יורש עצר - ביפעלש האבר". מלים לאלוה, בערלין, 94/2.

2. קאמאנדיר, אפיציר.

1774 " אופיצירר ביפעהל האבר". יוסף מארשן, חנוך לנער, פיורדא, כ:-

3. באאמטער, פקיד.

1767 " גזבר א. פקיד.= איין בפעל האביר". שובב, אמשטרדם.

באפעלהער -- דער, =ן. 1. שררה, מושל.

1668 "אונ' דער קיניג דער מענשליך וועז ער צו ביהאלטן גיבט זייני לושטיגי גיפעט צו דען ביפעלהערן [...]". יוסיפון, אמשטרדם, רמז 3 --

2. באאמטער, אויפזעער.

" ויפקד פקדים - ער זאל זעצן בעפעלהער" באר התורה בראשית, מא-34. [תי: אויפזעצן אויפזעער.]

ם [באפעלונג] ביפעלונג -- די, 1. ציילונג.

1610 " אלה די זי ביפעלונג דש משכן די א גיצייגניש דש דא וואר ביפולן אויף ווארט משה" טח, שמות לח -כא.

[תי טייטשט: די איבערציילונגען]

2. געבאט.

1696 " ווערק זיינר הענד ווארהייט אונ' גיריכט וואר הפטיג אל זייני ביפעלונג". [סידור] תפלה למשה [...], דעסוי, שעט-1. [תי: פיקודיו= זיינע באפעלן. תהילים קיא-7.]

1716 " אוך דייני ביפעלונג (אשיחה) ביך איך בדך אונ' לוגן דייני וועג". סהמ, 3, לובלין, תהלים קיט-טו.

[תי: בפיקודיך= אן דיינע באפעלן.]

3. שטראף, באצאלונג פאר זינד.

1716 " דען דר טאג פון אירן ברעכנס איז קומן אויף זיא אונ' די צייט פון אירן ביפעלונג דז מן איר זיינד גי' דענקט אויף זיא" סהמ, 3, ירמיה מו-כא. [תי: רעכנשאפט.]

ם [באפעלונג] ביפעלכונג / ביועלכונג / בועלהונג -- די, =עך. 1. פקדון; איינלייגעלט.

? | 1508 | " בפקדון - מיט בוועלהונג | א, לו פקדון". רייכלין 8. [תי: איינלאג.]

2. פונקציע, אמט, ארבעט=באשטימונג.

1610 " אונ' ביפעלכונג אלעזר זון אהרן דער כהן אויף דער לייכטונג אונ' דעמפפונג דש גיווארץ אונ פריזנט דז שטעטיגליכן אונ' אויף דער זאלבונג ביועלכונג אל דש משכן [...]". טח, במדבר ד - טז. [תי: אויפזעונג]

פאר באפולן,

באפעלן -- (זון) באפעלן / באפעלט . 1. פאראָרדענען,

הייסן קאטעגאריש אויספירן עפעס, שטרענג אנזאגן צו טאן עפעס: באפעלן ~~יעד ארט~~ צו עפענען א פייער אויפן שונאס פאזיציעס: באפעלן די איינוווינער תיכף אריינ-צוטראגן די פארלעגענע שטייערן: מע האט באפוילן, אז קיינער טאר ניט ארויסגיין אין גאס נאך דער פאליציי-שעה.

1834 " דער נאך האט דער יענעראל בארניצקי באפוילין אז מע זאל ארום גיין אויף די דערפר און מען זאל האפין פורין". מעשה גדולה מן אומן, סידילקאוו.

|188...| " באפעל מיר |...|, האסט דאס רעכט, דען איך בין דיין אונטערטעניקער קנעכט". ממוס, זמירות, מענדעלי, ז' 77.

1905 " באפעל דאס און גיב א שבועה אלעס צו ערפילן |...|". דער רויטער זונטאג, לאנדאן, ז' 7.

1927 " |...| ווה זייך מאיעסטעט דער קעניג // וועט אים הייסן און באפעלן "מלה, אין ניו-יארק, ווארשע, ז' 206.

1924 " מענטשן האבן אויף איר געשריען, איר באפעלן [באפוילן] און געהייסן אזוי און אזוי טאן, און זי האט אלץ אויסגעפירט ווי א געפאנגענע". אש, גש IV, ז' 43.

1956 " ארייננגעריסן האבן זיי זיך אומגעריכט [...], ארויסשטעקן די צינגער זיך באפוילן". פמ, מלחמה I, נ"י, ז' 245.

~~1968 " און אונדז |...| האט מען באפוילן נאך דער עקזעקוציע צו באגראבן די דערמארדעטע |...|" ס. רויגאדסקי, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 943.~~

2. רעליגיעזער אדער מאראלישער אנזאג / פארזאג, געבאט, מצווה אע: גאט האט באפוילן צו שוינען פאטער און מוטער: אין די עשרת הדיברות איז באפוילן נישט צו הרגענען.

" און ניט אליינט די תפילה וועט גלייך אנדרי מצות [מצוות] וועט מען רעכט אום גייט ווי עס באפוילן איז אזו טוט שון די מצוה איר פעולה". עפש, עץ חיים [...], לבוב.

1912 "מיר גייען איצטער איבער צו יענע אַרגומענטן, וואָס באַפּעלן אונדז צו מאַכן יידיש [...] פאַר דער נאַציאָנאַל=שפּראַך". זשיט IV, נ"י, ז' 149.

1941 "און נח האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן" תּי, בּראשית, ז - 5.

? [196...] "די געשיכטע האָט באַפוילן: איר טאָרט ניט אונטערגיין" מ. שטריגלער. [אָרט, מקור, צייט?]

3. שיקן, הייסן עמעצן טאָן אַ שליחות, איבערגעבן אַן אויפגאַבע דורכצופירן אַליין אָדער פאַר אַנדערע: מע האָט באַפוילן דורך דעם באַלעגאַלע אָפּצושיקן די וועקסלען; מע האָט באַפוילן דעם משרת אַריינצורופן די געסט.

1894 "[...] האָט ער יענעם גישיקט איין מתנה און האָט אים באַפולין דו האָסט מיר גישיקט דייני זכיות שענק איך דיר איינ מתנה". קיצור חובות הלבבות [...], יוזעפאָף, [...], ז' 80.

1935 "[...] די האָט נישט געקאָנט וואַרטן אויף דיר, זי האָט מורא געהאַט פאַר דיין טאַטן. וואָס באַפעלסטו איר, יאַנקל?". י. קאַרן, ערד, ציט' איז אַנט, ז' 573.

1924 "פאַרגרויסן דעם הימל/ דער האַרבסט האָט באַפעלט [באַפוילן], / און פאַרבן אין טריבע באַקליידן די וועלט" שרה רייזען, לידער, ז' 83.

[188...] "מיר האָט מען עס באַפעלן [באַפוילן] גיי, דיר אויף קבלת-פּנים אַקעגן, שטאַרקן דיך מיט אַ ביסל משקה [...]". ממוס, גלגולים, אין מענדעלי", ז' 10.

1948 "און אָפּפירן באַפוילן אים אויף אַ פאַרהער [...]". פּמ, [...], מאָסקווע, ז' 19.

1958 "עס איז אַריינגעקומען אַ מיידל, עפּעס אַן אונטער=סעקרעטאַרקע [...] וועמען ער האָט באַפוילן אַריינצורופן זיין אַסיסטענט". ש. ראָזענבערג, שלום אש פון דער נאָענט, מיאַמי, ז' 201.

4. הערשן, געוועלטיקן, קאָמאַנדעווען, אויך אין דער פּעריפראַסטישער קאָנסטרוקציע האָבן צו באַפעלן

איבער עמעצן, אויף עפּעס % ער האָט צו באַפעלן איבער אַ
סך אַנגעשטעלטע. דער קאַפּיטאַן האָט צו באַפעלן אויף אַ
גאַנצן פאָלק.

1828 " מיט אַללען איז זיא ניט צו פריהדען, איבער
אַללע ווילל זיא בעפיהלען, וויל זיא געביהטען".
י. הערץ, אסתר אדער דיא בעלאָהנטע טוגענד [...] פיורדאַ [?],
תקפ"ח, ז' 39.

1895 " ער [ דער צדיק] האָט צו באַפעלן איבער קורחס
אוצרות, וועמען ער וויל גיט ער". [אַנאָנים], אַמעריקאַנישע
גליקן, וואַרשע, ז' 6.

1922 " איך האָב צו באַפעלן [...], זאָלסטו וויסן פון
דעם". ל. מלאך, אַפּפאַל, וואַרשע, ז' 118.

5. ( אַלט) געבן, באַשערן.

1912 " האָט דער עושר מיט זיין ווייב אנגעהויבן צו
וויינען און צו בעטן פאר השי"ת ער זאָל אויף זיי רחמנות
האָבן און זאָל זיי באַפעלן מיט קינדער". ס' השגחת הבורא,
[ איבערדרוק?] לעמבערג, ז' 6.

ם ביפעלן / בפעלן. ←1.

1595 " די ממונים זולין ביפעלין קענען, דז ער וואול
אויף זיכט דז מן קיין מישט ווערפט איבר דיא מויאר
[...] הן און ריין וואַשיר ומכ"ש וואַז שטינקדיק איז".
קראָקאָווער קהלה תקנות.

1738 " דר הער באַפעלט מן זאָל אים איין איינזשליסין
ביז מיוועט אים איין משפט אויש געבן". א. פּאַווער,
גדולת יוסף, יוזעפאָף, תקצ"ח, ז' II

1764 " און' דר קינג בפעלט [...] דש איטליכר דער
זיין קינדר ווערט לאָזן לערנן די איין זעצונג [ תורה=
אויסטייטש פון די געזעצן] פון דיא ( פרושים) דעם
זאָל מן טיטן". יוסיפון, פיורדא, נ"א, – II

2.←

1680 " זעלכיר טרופר זאָלשטו ניט זיין, מיט איטליכן
בובין צו ליגן איין, האָב מיט בידן דיין גימאַך, ביפעל
הקב"ה די זאַך, ער פר לאָשט ניט דיא פרומן".

אולמא עליקמן, דער צוכט שפיגל, פרנפורט.

1716 " אונ' איינר פון די חסידים האט ביפולן אן זיין תלמידים לערנט ערשט וואש ביז [בייז] דז איר זאלט קענן דער פון אב שיידן [...]". חה1, אמשטרדם, 13-1.

1774 " מאנדאטירן, ביפעלן, גיבימין". י. מארשן, חנוך לנער, פיורדא, תקל"ד, כז-[?].

1544 יואב שיקט גען תקוע איין ווייזי ורויא ער נאם. // ער ביפול איר איין בוטשאפט דז זי צום קוניג קאם". שמואל=בוך, סטראפע 1381.

1621 " האב איך ביא פולן גיהאט מען זאל ראכלעך [?] צו ענק שיקן אבר איז בעשר איין זוא". פראג, ז' 16.

1679 " אוך זייני קינדר טעטין מיט איט וויא ער [יעקב] אינן ביפולין האט אונ' טרוגין אין אינש לאנד כנען". י. בליץ, בראשית, נ - יב-יג.

1703 " אלז הט ער בפולין דען קאמרלינג זאל אינן דאס קיסרש בריב געבין צו לייאנן |...|" פ"י מגלת איבה, צייט מ. עריק, בעשיפטע |...| ז' 200.

1735 " אונ' דר קיניג ביפעלט זיין שרייבר ער זאל דען גולד שמיד ביצאלן [...]". איילן שפיגל, פראג, תצ"ה, ז' 7.

5.

1734 " היר מיט טוא אייך אין גאטליכי שוץ בפעהלן דער זאל פון אונז אלש גוטש ניט פר העלן [פארהוילן, פארבארגן]". י. מארשן, לשון זהב, אמשטרדם, ז' 7.

7. איבערגעבן זיך, אנגעטרויען זיך ( עמעצן), פארלאזן זיך ( אויף עמעצן).

6.

1626 " וואש איז דער מענש דז דוא אין זאלשט גידענקן אונ' דער בן אדם וואש איז ער דז דוא[ז]אלשט ביפעלן אין". סהם, לובלין, תהילים, ח - ה'. [תי: דערמאנען].

1723 " בידך אפקיד רוחי' - אין דיינר האנט ביפעל איך מיין זעלע". ברכת המזון [...], אמשטרדם, דף מה/א.

8. שטעלן עמעצן אויף אן אמט, נאמינירן, איבערגעבן די

מאכט.

1508 " הפקדתיך - בוול איך דיך, 'כתרגו' מיניתיך"

רייכלין 8, [תי טייטש: הפקדתיך על הגוים - איך האב

דיך געשטעלט איבער די פעלקער. ירמיה, א - 10.]

" ויפקדו - אוינ זונט בוועלהן, לא פקידות". דארטן. [תי

טייטשש: ויפקדו שרי צבאות - זאלן זיי אויפזעצן

היל=פירער. דברים, כ - 9.]

9. איבערגעבן, איבערענטפערן עמעצן (אן אנטלאפענעם,

געפאנגענעם או).

1508 מה"ה בוועלהן, לא תסגיר - נויט זולטו

בוועלהן, ל' לא תמסור". [תי טייטש: לא תסגיר עבד

אל אדניו - זאלסט ניט איבערענטפערן א קנעכט צו זיין

הער". דברים, כג - טז.]

1602 " און ווער דא ווערט דר וועלט [אויסדערווײלט]

זיין צו דר מלחמה וויל איך בפעלין איבער אדום".

שעריר, ירמיה, מט - יט.

באפעלנד --- גאדי. (דטשמ) [...]

1930 " זי האט פארמאגט יענעם באפעלנדן טאן [...]

זי האט קיין מאל ניט געבעטן, נאר געהייסן".

אש, ווארשע, נ"י 174.

באפעלעניש -- דאס, =ן. 1. (ביטולדיק) וועגן

א באפעל, פאראָרדענונג אדער וועגן אויפן פון געבן

דעם באפעל. אזא מין באפעלעניש האבן מיר נאך ניט

געהאט; דאס באפעלעניש פון דעם נייעם באלעבאס איז שוין

אלעמען נמאס געווארן.

ם ביפעלניש.

2. געבאט, מצווה.

1676 " [...] זא איך מיך הלט [האלט] וויא זיא זיך

ור צייטן האבן גיהלטן זא קאן איך דיין ביפעלניש

דאז זייך די מצות הלטן אונ' הויטן [=היטן]".

ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק יד.

3. השגחה, אויפזיכט, דאס אכטונג געבן.

1716 " [...] לעבן אונ' גינאד האשטו מיט מיר גיטאן,

אונ' דורך דיין ביפעלניש ווערט מיין אוטם [=אטעם]

ביוואָרט". חה 1, אמשטרדם, לה - 2. [תי: אבאכט.]

4. דערמאנונג, זיכרון.

... לזכרון אבותי, אונ'

דיך געשטעלט איבער די פעלקער. [ירמיה, א - 10.]

" ויפקדו - און זונט ביוועלהן, לא פקידות". דאָרטן. | תי

טייטש: ויפקדו שרי צבאות - זאלן זיי אויפזעצן

חיל=פירער. דברים, כ - 9.|

9. איבערגעבן, איבערענטפערן עמעצן ( אן אנטלאפענעם,

געפאנגענעם אע).

מה"ה BE-VELHEN, לא תסגיר - גויט זולטו.

ביוועלהן, ל' לא תמסור". [תי טייטש: לא תסגיר עבד

אל אדניו - זאלסט ניט איבערענטפערן א קנעכט צו זיין

האר".

1602 " און ווער דא ווערט דר וועלט [אויסדערוויילט]

זיין צו דר מלחמה וויל אין בפעלין איבער אדום".

שעריר, ירמיה, מט - יט.

באַפעלנד --- גאדי. ( דטשם )

1930 " זי האס פארמאגט יענעם באפעלנדן טאן [...]

זי האט קיין מאל ניש געבעטן, נאר געהייסן".

אש, ווארשע, נ"י 174.

באַפעלעניש -- דאס, =ן. 1. ( ביטולדיק) וועגן

א באפעל, פאראָרדענונג אדער וועגן אויפן פון געבן

דעם באפעל: אזא מין באפעלעניש האבן מיר נאך נישט

געהאט; דאס באפעלעניש פון דעם נייעם באלעבאס איז שוין

אלעמען נמאס געווארן.

ם ביפעלניש.

2. געבאט, מצווה.

1676 " [...] זא איך מיך הלט [האלט] וויא זיא זיך

ור צייטן האבן גיהלטן זא קאן איך דיין ביפעלניש

דאז זיין די מצות הלטן אונ' הויטן [=היטן]".

ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק יד.

3. השגחה, אויפזיכט, דאס אכטונג געבן.

1716 " |...| לעבן אונ' גינאד האשטו מיט מיר גיטאן,

אונ' דורך דיין ביפעלניש ווערט מיין אוטם [=אטעם]

ביוואַרט". חה 1 , אמשטרדם, לה - 2. |תי: אבאכט|.

4. דערמאנונג, זיכרון.

1723 " ויזכר זכרוננו ופקדוננו יזכרון אבותי, אונ'

עס זאל ווערדן גידאכט אונזר גידעכטניש אונ' אונזר

ביפעלניש אונ' גידעכטניש אונזר עלטרן". ברכת המזון,

אמשטרדם, ג/א.

באַפּעלער --- דער, =ס. 1. דער וואָס גיט אַרויס

באַפעלן. ס'איז ניט לייכט צו זיין אַ באַפעלער, אַז

יעדער זאָל פאָלגן.

2. (אַלט) געביטער, הערשער.

1936 " דו [גאָט] ביסט איין געביטער [...] און

איבער די איז קיין באַפעלער צו געביטן". מחזור ע"ט

בית ישראל [...] ווילנאַ, תרצ"ו, ז' 100.

3. אויפזעער, באַאַמטער.

ביפעלר / ביוועלער.

1610 " [...] ער זול טון פרעה אונ' ער זול ביוועלן באַפעלן [ביוועלער] איבר דז לנד".

טח, בראשית, מא - לד. | תי: אויפזעצן אויפזעער.

1716 " גאָט האָט גיזעצט דיך צפניה צו איין כהן [...] צו זיין איין ביפעלר [...] אין גאָטש הויש". סהם, 3, ירמיהו, כט - כו, ווילהרמרשדאָרף.

[תי: אויפזעער.]

4. ממלא מקום, פאַרטרעטער.

1711 " אונ אלי הערן ליסן ביפעלר אין אירי לענדר, אונ' קאַמן אום צו הערין זיין חכמות". תרגום שני, אמשטרדם, ק"ע, קפ.

באַפעלעריש --- אַדי/אַדוו. 1. וואָס דריקט אויס (קלינגט ווי) אַ באַפעל; קאַטעגאָריש, שטרענג (וועגן רייד). באַפעלעריש קול, באַפעלערישער טאָן. די דער- קלערונג האָט ער געמאַכט זיכער און באַפעלעריש. שרייען גראָב און באַפעלעריש.

33a באפ

1938 "איך הייס דיר בלייבן! - האט זי געזאגט באפעלעריש
זאל מיר אסור זיין, אויב דו וועסט גיין".
ייז, חבר נחמן, ז' 140.

1951 "איין מאל האבן די 'חברה=לייט' מעכב הקריאה
געווען אין בית=מדרש. זיי האבן גערעדט באפעלערישע
רייד צום עולם." ב. י. ביאלאסטאצקי, זב ליטע I,
נ"י, ז' 1220.

1956 "אראפגעגליטשט האבן די קלאנגען זיך באפעלעריש".
[...] פמ, מלחמה I, נ"י, ז' 172.

2. הערשעריש, אויטאריטאטיוו (וועגן מענטשן).
באפעלערישער כאראקטער. דאס קינד ווייזט שוין איצט
ארויס באפעלערישע נאטור. דער פארשוין פירט זיך
תמיד באפעלעריש, ווייל אלעמען אנווארפן זיין
ווילן.

1968 "מאג און נאכט האט נישט אויפגעהערט צו רוישן
אין מיר דער באפעלערישער פליסטער [...]: געדענקען
און דערציילן פאר ווייטערדיקע דורות". ג. כץ, יזב
אטוואצק, ת"א, ז' 893.

1955 " שמואל איז געווען שאולס צווייטע פּערזענלעכקייט - די אויסגעהאַלטענע, באַפּעלערישע, אומבייגעוודיקע".

אַפּאַ, געטראַכט מיט עברי=טייטש. נ"י. ז' 62.

באַפּעלקערונג -- די, =ן (מצ זן). 1. אַקט [illegible] פון באַפעלקערן, [illegible], די מאַסאַווע באַפּעלקערונג פון אַמעריקע איז פאָרגעקומען ערשט אין 19 י"ה. די באַפּעלקערונג פון די וויסטע געגנטן קומט אָן שווער צוליב מאַנגל אין וואַסער.

2. דער מענטשן=באַשטאַנד פון אַ געוויסן אָרט (דאָרף, שטאָט, געגנט, לאַנד אאַז"וו). די באַפּעלקערונג פון ישראל אין 1979 איז באַשטאַנען פון 3,800,000 איינוווינער דערפון די יידישע באַפּעלקערונג אַרום 85 פּראָצענט, שטאָטישע באַפּעלקערונג, דאָרפישע, אָרעמע, רייכע, דערוואַקסענע באַפּעלקערונג, פּראָדוקטיווע באַפּעלקערונג.

35 5GP

ב אַ פֿ ע ל ק ע ר ט  –  פֿאדי/פֿאדוו פֿון באַפֿעלקערן.

באַזעצט מיט איינוווינער, באַוווינט דורך מענטשן.

% באַפֿעלקערטע שטחים, ווייניק באַפֿעלקערטער ראיאָן.

צוליב מאַנגל אין וועגן מע באַטראַכט מערב־אייראָפּע

ווי שוין צו פֿיל באַפֿעלקערט.

1951 " די געדרודפטע [...] פֿלעגט מען אין רוסלאַנד

פֿאַרשיקן קיין סיביר און אין אַנדערע שיטער באַפֿעלקערטע

טעריטאָריעס". א. קאַצענעלענבאָגען, זב ליטע!,

נ"י, ז' 333.

36-56

ב אַ פֿ ע ל ק ע ר ן -- טרוו. 1. באַזעצן מיט מענטשן, אויפשטעלן
יישובים פאַר איינוווינער. דעם נגב האָט מען באַפעלקערט מיט
נייע עולים. די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו באַפעלקערן דעם
גליל במשך פון די נאָענטסטע צען יאָר. די געלערנטע טראַכטן
שוין וועגן באַפעלקערן די פּלאַנעטן.

2. ('ס'רוב אין פּאַסיוון זאַץ), באַוווינען א געוויס אָרט,
לעבן דאָרט. גרויסע מאַסן יידן האָבן באַפעלקערט מזרח=
אייראָפּע פאַר דער צווייטער וועלט=מלחמה, מערב=אייראָפּע
איז געדיכט באַפעלקערט, די געגנט איז באַפעלקערט מיט
אָרעמע איינוווינער.

1938 " די וועלט איז ניט באַפעלקערט פון זיסע מלאכים."
ימ, זש' גוד.

1947 "דער אונטערשטער טייל איז געווען געדיכט באַפֿעלקערט און האָט זיך געצויגן ביז צו דער וואַרטע".
ד"ר י. שאַצקי, ~~אַלף~~ זב טשענסטאָכאָווער יידן, נ"י, ז' 32.

1951 "די געגנט איז באַפֿעלקערט געוואָרן פֿון א ספּעציעלן מין יידן, וועלכע זיינען ניט געווען קיין קורלענדער און ניט קיין ליטוואַקעס, נאָר א צווישן=מין".
ב. ריוווקין, ~~שאַ~~ זב ליטע I, נ"י, ז' 407.

3. (פּיג) באַלעבן, אָנפֿילן מיט לעבן.

1907 "פּרובירט האָב איך אומזיסט די איינזאַמקייט מיט מוח-בילדער צו באַפֿעלקערן, // אומזיסט די שוואַרצע פּוסטקייט אָנפֿילן געזוכט". יהואש, נאַכט=מחשבות.

|196...| "[...] איך ווייס ניט, צי פֿון טויבער נאַכט ווערט ענטפֿער קומען, // נאָר ס'ווערט מיין שטוב באַפֿעלקערט, אויפֿדערוואַכט". מאַל, מלך דוד.

באַפֿעלקערן זיך -- ~~רעפֿל~~. ווערן באַוווינט, באַזעצט מיט איינוווינער.

1943 "זייער איך האָט די געגנט [...] גענומען זיך באַפֿעלקערן מיט אַט די נייע איינוואַנדערער". יזז, ~~מש~~ משפּחה קאַרנאַווסקי, נ"י, ז' 324.

באַפֿעלש|ן - טרדור. [illegible]

1934 [illegible]
נ"י, ז' 38

באַפֿען -- אוטווה. (איך, איך קינדער=לשון) שלאָפֿן. דזוו פּאָפּן.

אַכלע [באַכעלע] ביכעלע, באַפּע איז די בעסטע מלאכה עסן, טרינקען, שלאָפֿן איז.(שפּוו) די בעסטע זאַך.

באַפֿענדלט -- אַדי (שנש) אָרומגעשטעלט מיט פֿענדלעך.

1966 "אַזוי ווי א וואָלף איך באַפֿענדלטן רינג -// ער יאָגט און ער קרייזט, נאָר פֿאַרלאָזן אים קאָן ניט" האַל, מיין אוצר, מאָסקווע, ז' 152.

באַפֿענצטערט -- פּאַדי פֿון באַפֿענצטערן. (שנש) וואָס האָט פֿענצטער.

" עס לייכט ניט קיין ליכט; ס'איז מיין גלויבן, וואס צינדט די באפענצטערטע ווענט". סוצ, פון I, ח"א, ז' 185.

באפענצטער|ן -- טרוו. (שנש) באליכטן ווי דורך פענצטער.

1948 " [...] פארוואנדלט / אין ליכט, וואס באפענצטערט די שווארצע בערלאגע". סוצ, געהיימשטאט, ז' 13.

באפעסטיקונג -- די, =ען. 1. אקט פון באפעסטיקן. די באפעסטיקונג פון מויער ארום דער שטאט האט געדויערט דריי וואכן. צו דער באפעסטיקונג פון דעם טורעם האט מען צונויפגעטריבן א מחנה געפאנגענע. די באפעסטיקונג פון די אקאפעס איז געמאכט געווארן ביי נאכט.

1951 " די קאראימער [...] האבן זיך מתחייב געווען [...] אנטייל נעמען אין די באפעסטיקונג=ארבעטן". ד"ר, ברוצקוס, זב ליטע I, נ"י, ז' 201.

2. פארטיפיקאציע, איינארדענונג וואס דארף ניט דערלאזן דאס אריינדרינגען, דעם דורכגאנג פון א שונא. אנטיטאנק=באפעסטיקונגען. די פארטיזאנער האבן אויפגעריסן די דייטשע באפעסטיקונגען ביי דער באן=ליניע. אין געטא האט מען אויסגעבויט בונקערס, באפעסטיקונגען פון ערד און ברעטער.

1947 " ביי אונדז אין ליטע האבן די רוסן מיליטערישע באזן, [...] מע טראגט אראפ שטעטלעך און מע מאכט באפעסטיקונגען. סעג, געברענטע ערד, ב"א, ז' 155.

1968 " מיין זיידע האט הוץ הייזער געבויט אויך שאסייען, וואלן און אלערליי אנדערע באפעסטיקונגען". מ. רעכטמאן, יזכר אטוואצק, ת"א, ז' 418.

1960 " [...] ווי א שטורעמבאק איינגעוואליעט די באפעסטיקונגען און שאנצן". י. טיגער, דער צדיק און בעל=תשובה, לאנדאן.

3. פארשטארקונג, אונטערשפאר אדער אנהאלט פאר עפעס,

וואס איז שוואך· די קלאץ איז אגוטע באפעסטיקונג
פאר דער איינגעבויגענער וואנט. די באפעסטיקונג פון
די טרעפּ איז פון בעטאָן.

1945 " עס מוז אונטער אים [ דעם אויוון ] זיין א באפע-
סטיקונג פון ליים דריי טפחים טיף". פּיעט, איבז, [?]
בבא מציעא, מאנטרעאל, קיח/2.

4. פּפּ באפעסטונג. ( פיג ) פארשטארקונג פון א גייסטיק=
מאראלישן אביעקט· באפעסטיקונג פון יידישער דערציונג.

1957 "|...| אחרית=הימימדיקע באפעסטונג פון רעליגיעזן
גייסט אין מדינהשער טגונג". צייט, תמוז III/29.

באפעסטיקן -- טרוו. 1. מאכן א זאך פעסטער, זיכערער,
שטארקער· באפעסטיקן דעם טויער מיט אייזערנע שטאנגען·
די באלאגערטע האבן אויסגענוצט די נאכט=פינצטערניש
צו באפעסטיקן די געשטורעמטע ווענט· מע מוז באפעסטיקן
דעם באלקן מיט נאך א סלופּ.

2. צופעסטיקן איין זאך צו א צווייטער, ס'זאל זיך
האלטן: באפעסטיקן דעם לאמפּ צום סופיט· מע דארף גוט
באפעסטיקן די גליטשערס צו די שיך.

1965 " זיין בארדא קראוואט וואס איז מיטן דימענטענעם
האלטער עלעגאנט באפעסטיקט צום זיידענעם העמד". זש,
תמוז, VIII/4. אין גייסטיק=מאראלישן זינען.

3. ( פיג ) פארשטארקן, פארזיכערן ( רועגן ניט=מאטעריעלע
אביעקטן) באפעסטיקן די פריינדשאפט· מע מוז באפעסטיקן
די יידישע קהילות אין די גלות=לענדער.

1941 " דער יידישער שפּיטאל האט שטארק באפעסטיקט
דעם פּרעסטיזש פון דער קהילה". ד"ר. י. שאצקי,
יזכר טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 26.

1949 " [...] האבן קיין מאל נישט געפונען די געלעגנ-
הייט צו באפעסטיקן זייער ממשלה". ד"ר. דאקער, באציא-
נאליזם און קולטור, ב"א, ז' 88.

1962 " |...| געבן הילף, אז אזא דערציונג זאל באפעסטיקט
ווערן אומעטום, ווו יידן לעבן אין פרייהייט".

מ. פלאקסער, איין פאר, VIII/ 9.

באפעסטיקן זיך -- 1. מאכן באפעסטיקונגען (ב 2).
באווארענען זיך (מיליטעריש) קעגן אנגריף פון שונא.
די באלאגערטע האבן זיך באפעסטיקט אין לעצטן טורעם.
2. פארזיכערן זיך א געוויסן פלאץ (ארבעט, אינסטיטוציע), איינהאלטן פעסט א פאזיציע, אמט. ער האט זיך באפעסטיקט אין דער פארטיי=אנפירונג. די נייע רעגירונג האט זיך באפעסטיקט נאך די וואלן.

ם ביפעסטיגן/ ביפעשטיגן / בפעשטיגן

1.

1713 " חזקיה ביפעסטיגט זיין שטאט". יהושע בן סירק
| בן סירא, אמשטרדם. ז' 167.

3.

1739 " פריינדליכקייט ביפעסטיגט דיא ליבשאפט".
ס' מבחר הפנינים, הומבורג, דף כא,

4. פעסטשטעלן, באשטעטיקן.

1743 " אנ' דר קינג האט דען בריב ביפעשטיגט אלז וואש
דריין שטונד אונ' דר קינג ליגט זיין זיגל אן דען בריב".
מ. מן, יוסיפון, אמשטרדם, ד' 1-2.

1764 " זיא שרייבטן די מאנין אויף דז זי בפעשטיגט האבן
אויף איין בריב אונ' איטליכר הט עז גצייכנט".
יוסיפון, פיורדא, ד' ...

באפערדלט -- אדי. וואס האט א פערד.

?|190...| " א באפערדלטער, א ייד, הייסט עס, מיט
א פערד און וועגעלע". ממוס, שלמה ר' חיימס II,
מענדעלע, ז' 43.

באפֿערדערן - טרוו. (דטשמ) אונטערשטיצן,
באגינציקן, מאכן פראגרעסירן.

1864 " [...] און אנדערע זאלן זען און זיך אפנעמען
א מוסטער די בילדונג ווי ווייט מעגלעך צו באפֿערדערן
[טעקסט: בעפֿערדערן] און אנטקעגן צו גיין".
ליבע [...] פערלא [...], קמ, נ' 42, ז' 634.

ם [באפערכטן] בפערכטן זיך --- מורא האבן, פארכטן
זיך.

1770 " יעקב [..] בפערכט זיך פילייכט ער ביי גאט אין
אום גינאדיך זייך, אבר דער אמת וואר דער קונטרא".

באפעסטיקן זיך -- 1. מאכן באפעסטיקונגען. (ב 2)
באווארענען זיך ( מיליטעריש) קעגן אנגריף פון שונא.
די באלאגערטע האבן זיך באפעסטיקט אין לעצטן טורעם.
2. פארזיכערן זיך א געוויסן פלאץ (ארבעט, אינסטיטוציע),
איינהאלטן פעסט א פאזיציע, אמט. ער האט זיך באפעסטיקט
אין דער פארטיי=אנפירונג. די נייע רעגירונג האט זיך
באפעסטיקט נאך די וואלן.

ם ביפעסטיגן/ ביפעשטיגן / בפעשטיגן

1.

1713 " חזקיה ביפעסטיגט זיין שטאט". יהושע בן סירק
| בן סירא [?] אמשטרדם. ז׳ 167.

3.

1739 " פריינדליכקייט ביפעסטיגט דיא ליבשאפט".
ס׳ מבחר הפנינים, הומבורג, דף כא.

4. פעסטשטעלן, באשטעטיקן.

1743 " אנ׳ דר קינג האט דען בריב ביפעשטיגט אלז וואש
דרין שטונד אונ׳ דר קינג ליגט זיין זיגל אן דען בריב".
מ. מן, יוסיפון, אמשטרדם, 4 -2.

1764 " זיא שרייבטן די מאנין אויף דז זי בפעשטיגט האבן
אויף איין בריב אונ׳ איטליכר הט עז גצייכנט".
יוסיפון, פיורדא, 5

באפערדלט -- אדי. וואס האט א פערד.
?|190...| " א באפערדלטער, א ייד, הייסט עס, מיט
א פערד און וועגעלע". ממוס, שלמה ר׳ חיימס II,
מענדעלע, ז׳ 43.

באפערדערן - טרוו. ( דטשמ )אונטערשטיצן,
באגינציקן, מאכן פראגרעסירן.

1864 " [...] און אנדערע זאלן זען און זיך אפנעמען
א מוסטער די בילדונג ווי ווייט מעגלעך צו באפערדערן
[טעקסט: בעפערדערן] און אנטקעגן צו גיין".
ליבע [...] פערלא [...], קמ, נ׳ 42, ז׳ 634.

ם [באפערכטן] בפערכטן זיך --- מורא האבן, פארכטן
זיך.

1770 " יעקב [..] בפערכט זיך פיליכט ער ביי גאט אין
אום גינאדין זיין, אבר דער אמת וואר דער קונטרא".
ר׳ יוסף דארמשטאט, איבה, תורת משה, קארלסרוא.

באַפּראַכטן טרוו 1. פּאַר באַפּראַכט. באַלייגן מיט פּראַכט, מיט משא%דער וואַגאָן איז באַפּראַכט מיט 5 טאָן צעמענט.

2. פּאַרמאַלידירן דאָס איבערשיקן אַ געוויסן פּראַכט, סחורה אין די געהעריקע אינסטאַנצן ( באַן, שיף, ע‌ראָפּלאַן). %

דער עקספּעדיטאָר האָט באַפּראַכט די עקספּאַרטירטע קעסטלעך מאַראַנצן אין דער באַן=דירעקציע. מע קאָן נישט באַפּראַכטן די סחורה אָן דעם רשות פֿון צאָלאַמט.

||= ונג.

באַפּראַנדזן --- טרוו. באַפּוצן מיט פּראַנדזן. % באַפּראַנדזן דעם טישטעך! דער קונה האָט געבעטן צו באַפּראַנדזן די פֿאַרהאַנגען מיט זיידענע פֿעדעם.

באַפּראַסטיקן --2- טרוו. ( שנש)איינהילן אין קעלט ווי אין(מיט) אַ פּראָסט.

.... מיט אַט דעם טראַפֿן טוי,// וואָס האָט דעם גרינעם בלאַט באַפּייכט,/ באַפּראַסטיקט אים און אים באַלייכט". האַלאַ זש' גק, נ' 82, 1974, ז' 58.

1940 " נייך, ניט קעלט און ניט דרויסן באַפּראַסטיקט// האַרצישן וואַרעם מיט בענקען" אַקש, מזרח און מערב, מאָסקווע, ז' 126.

באַפּראַקנט --- אַדי. ( שנש) אַנגעטאָן אין פּראַקן. %

באַפּראַקטע מענער און טיף דעקאָלטירטע דאַמען קומען אָן צום באַל.

1925 " האָבן אַרומגעשמייערט די באַפּראַקטע קעלנערס".

ב. גלאַזמאַן, שטיינוועבס, מאָסקווע.

1963 " איר באַפּראַקטע גאַנטעס |...|". מ. מ. שאַפּיר, אַ איך קום אָן..., מאָנטרעאַל, ז' 34.

באַפּרוכטיקן - 88-? באַפּרוכפּערן.

באַפּרוכטן - ← באַפּרוכפּערן.

(15)

באַפּרוכפּערונג - די, פּפּ באַפּרוכטונג.

1. דער פּראָצעס פון פּאַראייניקן זיך פון ביידע
געשלעכטס=קעמערלעך פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.
זעלבסט-באַפּרוכפּערונג. קינסטלעכע באַפּרוכטונג.

1907 " דער מענלעכער זוימען צעגייט און ווערט
פאַרפאַלן אין ווייבלעכן און פון דער דאָזיקער
צוזאַמענגיסונג אָדער 'באַפּרוכטונג' אַנטשטייט דאָס
ערשטע לעבעדיקע טיילעכל". איבז אַ. הערדען,
איין אויפרוף צו יונגע לייט, וואַרשע, ז' 3.

1931 "ער [דער ערדוואָרעם] פאַרמאָגט ספּערם-זעקעלעך
[...] אין וועלכע די זכר=זוימען פון אַן אַנדער
וואָרעם ווערן אָפּגעלאַגערט ביז זיי זענען נייטיק
פאַר דער באַפּרוכטונג פון די אייער". ש. בלום,
דער בוים פון לעבן, נ"י, ז' 80.

1962 " אַרום פופציק טויזנט קינדער [זיינען] געבוירן
געוואָרן אין לאַנד דורך דער דאָזיקער 'אומפּערזענלעכער'
באַפּרוכפּערונג". צ' פּאַר, נייעס. 2/XII.

2. (פיג) סטימולירונג צו שעפערישקייט, אַנטוויקלונג,
צו אויפלעבונג. % דער אויפקום פון מדינת-ישראל איז
אַ קוואַל פון באַפּרוכפּערונג פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן
לעבן אין דער גאַנצער וועלט.

באַפּרוכפּערן - טרוו. פּפּ באַפּרוכטן, באַפּרוכטיקן.

1. אַרויסרופן צום לעבן אַן עמבריאָן דורך דעם פּראָצעס
פון פאַראייניקן ביידע געשלעכטס=קעמערלעך.

1934 " אַז די וואַנץ (אין מיין שלאָף) באַפּרוכפּערט
די לויז, // וואָס לייגט אייער ווי גאַנצע לבנות גרויס".
מלה II, נ"י, ז' 201.

1938 " צו באַפּרוכטן דאָס ווייבערשע אייעלע דאַרף מען
האָבן נאָר איין זוימען". זש' פּגעז,
נ' 7 - 8, ווילנע,

2. באַוויזן אַז דער באַדן זאָל זיין מער פּרוכפּערידיק
דורך באַוואַסערן, באַמיסטיקן אַע.

1957 " עס זאָל אַראָפּקומען דער רעגן פון הימל אויף
דער ערד און איר באַפּרוכפּערן און מאַכן איר וואַקסן".
ליקוטי אמרים, תניא, קנ"ה.

1963 " זי |די 'הייליקע מאַמע'| איז באַפּרוכפּערט
געוואָרן פון דער' געטליכקייט' |...|". צ. כהן, פּאַר, III, 2.

1965 " מיר האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער
גאַנצער ווירטשאַפט, באַפּרוכפּערט וויסטענישן און
געשאַפן הונדערטער נייע ישובים". פּ. ספּיר, טמן, 19.5.65.

3. (פיג) גורם זיין שעפערישקייט, אַנטוויקלונג,
אַרויסרופן צום לעבן.

1929 " מיטן בלוט פון דיין האַרצן מוזטו באַפּרוכטן
דיין וועג". איבז. א. פרומקין, ר. ראַקער,
זעקס כאַראַקטערן, נ"י, ז' 187.

1951 " די יידישע פינאַנץ-טעטיקייט האָט אין ליטע,
ווי אין אַנדערע לענדער, באַפּרוכפּערט דאָס אַרטיקע
עקאָנאָמישע לעבן". א. קאַצענעלנבאָגען, ב ליטע Iב,
נ"י, ז' 317.

195... " מיין לשון באַפּרוכפּערן וועט מיינע ברידער,
// א קלונג טאָן דורך זיי וועט מיין האַרץ,
מיינע לידער". חג, פּליטים, ז' 55.

1959 " ער קלייבט נישט אָפּ דאָס וויכטיקסטע, ער טיילט
ניט אויס וואָס עס האָט באַפּרוכפּערט זיין געדאַנק".
שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 31.

|| באַפּרוכטער - דער, =ס. דזוו באַפּרוכפּערער.

באַפּרוכפּערער (=ין, =קע) - דער גורם פון באַפּרוכפּערונג.

1938 " איך איין טראַפן |זוימען| קען זיך געפינען
א סך טויזנטער באַפּרוכטערס". זש' פגעז, נ' 7 -8, ווילנע.

1954 " פּרצעס באַציונגען מיט יידישע שרייבער ווערן
באמת שאַפעריש און באַפּרוכפּערנדיק, ערשט ווען עס האַנדלט
זיך וועגן יינגערן דור שרייבער". זש' פּאַריזער צייטשריפט
נ' 4, ז' 110.

באַפּרוכפּערן זיך -- ווערן באַפּרוכפּערט, געוויסע
געוויקסן באַפּרוכפּערן זיך אַליין.

1951 " זייער שאפן האט מיגלעך און גייסטיק געמאכט זייער שאַפן. זיי האבן קענגזייטיק זיך באַפרוכפּעט". שן, קריטיק און קריטיקער. ב"א, ז' 382.

באַפּרומט -- אדוו. איינגעהילט אין פרומקייט.

1949 " ביסט קלויסטערדיק באצלמט, ס'איז דיין גאנג באַפרומט און איידל". יוסף רובינשטיין, נאכט אויף נאלעווקעס, נ"י, ז' 63.

באַפּרידיקונג -- די, =ען. 1. צופרידנקייט פון אויסגעפילטע, מקוים געווארענע באדערפעניש, באגערן, ווונטשן; מאראלישע באַפרידיקונג. געשלעכטלעכע (סעקסועלע) באַפרידיקונג.

1927 " איר זיינט א סאציאל = דעמאקראט [...], דערום דינקט איר, אז אויף דער ערד קאן מען באַפרידיקונגען דערגרייכן". נס איבזן, א. אראסיעוו, ערשט ניט לאנג, קיעוו.

? " אַ "פּיפּעל" [=שילער] ווערט ער דאך, איין קליינינקיט; [...] די אדונים נוצן אבער אויס דעם "פּיפּעל" אויף זייערע נידעריקסטע באַפרידיקונגען". י. קאפלאן, שליאך און אומוועג, ז' 270.

2. שאדנגעלט, פארגיטיקונג, קאמפענסאציע, אנטשעדיקונג.

1961 " האבן די יוניאן - פירער צוריק אויפגענומען זייער אלטן קאמף פאר געצאלטע וואקיישאנס, פענסיעס, סעווערענס פעי (באַפרידיקונגס- געלטער)". צ. כהן, פאר, 4.11.61.

1734 " נאך אלר העכשטה בפדריגונג אונד וואהל וועזינש צו פולענציהן, צור גלאריע אונד לויב פרייז אונזרר בידר זייטיגע פריינד". מארשן, לשון זהב, אמשטרדם.

באפרידיקן --- טרוו. 1. צופרידן שטעלן, גוט מאכן. באפרידיקן דעם פארלאנג פון עמעצן. באפרידיקן די באדערפעניש. באפרידיקן דעם חומר.

1864 " די אלטע פלעגט דריי-פיר מאל אין טאג מילך קויפן אום די גאָסטפאַדעס צו באפרידיקן". א. ב. רוף, אדעליע-פּלוזע, ווארשא, ז' 15.

1917 " יעמאלט איז מען געניינט צו פארגעסן אן אלע אוטיליטארישע אויסרעכענונגען און מען האט נאר איין זאך אין זינען: אפוואשן די באליידיקונג, באפרידיקן די נאציאנאלע ערע". זשיט VI, נ"י, ז' 214.

1935 " מען קען דא אריינוואַרפן דעם ארגומענט, אז ווען אלע וואלטן געווען באפרידיקט (' אויסגעשטימט'), וואלט די וועלט געווארן א בלאטקעלע". מוו, דער וועג צו אונדזער יוגנט, ווילנע, ז' 293.

1947 " אים | דעם פרומען יידן| האט ' אייראפעישקייט' נישט באפרידיקט, זיין אינערלעכע וועלט איז באשטאנען פון עפעס טיפערס". סעג, בעברענטע ערד, ב"א, ז' 142.

1951 " ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן |...|, איז אוממיגלעך געווען צו שאפן איין שול, וועלבע זאל אלעמען באפרידיקן". ע. דוידאנס און לימע ב' I, נ"י, ז' 249.

1960 " באפרידיקט זיין אמביציע אנצושרייבן א לענגערע דערציילונג, וואס איר שטאף איז אלגעמיין אמעריקאניש". שב, שלום אש, נ"י, ז' 169.

2. פארגיטיקן, באלוינען פאר עפעס מיט געלט אדער מיט אן אנדער ווערט.

1836 " דער נאך רופט טאביא צו זיין זון, און זאגט צו אים וואש זאלין מיר באפרידיקין דעם איילינין גיזעלין דער מיט דיר האט גרייזט". מעשה טאביא, (איבז), ווילנא.

1868 " האבן זיך די ווייבער געבונטעוועט, ער דער רבי זאל ניעפרעמענא דאוונען, זיי וועלן אים אליין באפרידיקן.

באפרידיקן.קמ, נ' 36.

1887 " מען דארף צונויפרופן [...] קליינע גבאים, " אונטער שמשים, שול קלעפער, ליכטצינדער [...] קרובים מכבד זיין און באפרידיקן מיט א גראשן". [illegible], וווילנע, ז' 77.

1928 "ביים ערשטן אויסברוך פון א שטרייק האט ער באלד די ארבעטער [...] באפרידיקט". מ. ספעקטאר, סודות, [illegible]

באפרידיקן זיך --- רעפל. זיך צופרידן שטעלן, זיך באפרידיקן מיט עמעצנס ענטפער.

1912 " א גרויסער טייל פון דעם מין מענטש [...] קאן זיך ניט באפרידיקן מיט די אידעאלן פון אמת, יושר, שיינקייט [...] אין זייער וואכעדיקער, טאג= טעגלעכער געשטאלט". זשיט [illegible], נ"י, ז' 175.

1957 " א ייד מוז האבן א מזון רוחני. ער קען זיך ניט באפרידיקן מיט גשמיות אליין". לדב, נ"י.

באפרייונג -- די, =ען. דאס ווערן באפרייט, דאס פריי מאכן, צוריקשטעלונג פון די פארלוירענע רעכט, סטאטוס. די באפרייונג פון די ארעסטאנטן אין די לאגערן. קאמף פאר באפרייונג פון שקלאפעריי.

1905 " איך האב אייך צו זאגן א גוטע בשורה [...]. אייער באפרייונג איז שוין דא". י. מ. באדער, צביה פון אדעסא, לעמבערג.

1919 " [...] ער זאל ארויסטרעטן אין פראנט און נעמען אויף זיך די איניציאטיוו פון דער יידישער באפרייונג" זשיט XI, נ"י, ז' 164.

1947 " די שעה פון דער באפרייונג און פון אראפווארפן דעם נאצישן יאך דערנענטערט זיך". ה. גרוימאן [illegible] טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 313.

1970 " אין די לאגערן פון דייטשלאנד און אין עסטרייך [...] האבן זיך געציילטע פון זיי דערוואַרט די באפרייונג". ספר סאנץ, ת"א, ז' 796.

2. דאס צוריק אפנעמען אן ארט, וואס איז געווען פאר-נומען דורך אנדערע.

1900 " מוזן זיך אלע איינפארשטיין אונד שטרעבן צו אייך צוועק פון די באפרייונג פון אונדזער לאנד". המאיר לארץ, מיננעאפאליס.

1967 " יידן זעען אן אצבע אלוהים אין די באפרייונג פון אלט ירושלים". טמז, 22.6.67.

1970/71 " ס'איז געווען אין די ערשטע יארן נאך פוילנס באפרייונג, ווען די יידן האבן זיך דערפילט פרייער נאך די שווערע מלחמה-יארן". יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 203.

3. דאס געבן פרייהייט דעם גייסט פון מענטשן, זיין נשמה.

1955 " אין זיין צעשפליטערונג און אפשפאלטונג האט ער [מ. ראוויטש] געזוכט אינדיווידועלע באפרייונג [...] פון דאגמאטישן פארגליווערטן בלויבן". ש. לעשצינסקי, ליט. עסייען, נ"י, ז' 152.

[...?] מען מוז אבער האבן אין זיך דאס אייגענע געפיל פאר באפרייונג בכדי ארויסצוקריכן פון פסיכאז". מ. שטריגלער.

0 באפרייונג(ס) = באוועגונג.
באפרייונג(ס) - אורטייל.

1965 [...] די ריכטער פון פראנקפורט האבן זיך אין דעם לשון פון זייער באפרייונגס-אורטייל איבערגעשמועסט מיט דעם יוסטיץ - מיניסטער אין באן". שלמה ביקל, טמז, 12.2.65.

באפרייונג(ס) - מלחמה.

1962 " מיטן אויסברוך פון דער באפרייונג-מלחמה [אין א"י] האט ער זיך מאבילייזירט [...] אין דער אוויאציע-אפטיילונג". ד. כספי, זוהיל ( נאוואגראדוואלינסק)

ת"א, ז' 179.

1968 " ערשט נאכן פראקלאמירן מדינת-ישראל זענען מיר אריינגעקומען אין לאנד אריין און איך האב אנטייל גענומען אין דער באפרייונגס-מלחמה". ד. שיף, אין יזב אטוואצק-קארטשעוו, ת"א, ז' 970.

באפרייונגס-קאמף.

1959 " די אומגעלומפערטסטע פון זיי איז די, ווו ער דערציילט, אז ביז אקטאבער האט די יידישע ליטעראטור כמעט גאר קיין באטייט ניט געהאט פאר דער דעם באפרייונגס-קאמף פון די יידישע מאסן". ש. ניגער, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 226.

באפרייונגס-סערטיפיקאט.

1887 " די לאנדשטאַרם פליכטיקע וואס ווערן פון דער אונטערזוכונגס קאמיסיאן |...| באפרייט, באקומען |...| איין לאנדשטאַרם-באפרייונגס-סערטיפיקאט". דאס ריכטיגע לאנדשטורם געזעטץ [..] אויף ריין יודיש, סעפעראט אויסגאבע פון ה. נ. לעמבערג, ז' 7.

באפרייונגס-יום-טוב.

? " דאס הארץ ציט נאך די אלטע טראדיציעס פון דעם באפרייונגס-יום-טוב, פון דעם סדר, ווי מיר האבן אים אפגעריכט אין די קינדער-יארן.

1968 " מען פייערט דעם טראדיציאנעלן באפרייונגס-יום-טוב פסח, מען דערמאנט זיך אין די וויכטיקסטע געשעענישן פון פאלק [...]. ב. ארנשטיין, אין יזב אטוואצק-קארטשעוו, ת"א, ז' 858.

באפרייונגס-שיין.

1968 " דער דאקטער האט מיר געבעטן, אז די צוויי טעג וואס ער גיט מיר א באפרייונגס-שיין, זאל איך זיך ניט ארומדרייען אויף די גאסן". ב. ארנשטיין, אין יזב אטוואצק - קארטשעוו, ת"א, ז' 857.

אליין-באפרייונג. שולד-באפרייונג. תנאי-באפרייונג. פויערים- באפרייונג.

1951 " איך משך פון דער פויערים-באפרייונג זיינען
א סך לייבקנעכט ארויסגעווארפן געווארן אויף הפקר".
א. קאצענעלנבאגען, זב ליטע ב׳ I, נ"י, ז׳ 349.

באפריינד|ן - טרוו. פאר באפריינדט/באפריינדעט(נר).
מקרב זיין, דערנענטערן, מאכן פאר פריינד. % דער
לאנגער וועג און די שמועסן האבן אונדז באפריינדט.
איר זייט מיט אים באקאנט? איר מוזט אונדז באפריינדן.
|| באפריינדונג [אבק] - די, ־ען.

באפריינדן זיך - ווערן (גוטע) פריינד,
ווערן חברים, שליסן פריינדשאפט מיט עמעצן.
% מיר האבן זיך גיך באפריינד(ע)ט, און אונדז האט
זיך געדאכט, אז מיר זיינען שוין באקאנט א לאנגע צייט.
1904 " איך האב באשלאסן תיכף ומיד [...] באפריינדן זיך
מיט מיינע נייע באקאנטע". איבן|וועד?| ג. פלעכאנאוו,
דער רוסישער ארבייטער אין דער רעוואלוציאנערער
באוועגונג, זשענעוו, ז׳ 6.

באפריינד(ע)ט זיין - 1. זיין מיט עמעצן
פריינד.
|?...| " מע קאן זיין די נאענטסטע פריינט|קרובים| און
ניט זיין באפריינדט". שע, 3 אלמנות.
1951 " איך פלעג זיך אפט באגעגענען מיט בעל-מחשבותן,
מיר זיינען געווען באפריינדט נאך פון ווארשע".
א. מוקדוני, זב ליטע I, נ"י, ז׳ 1083.
1970/71 " די צוויי בחורים האבן געפונען פאר מיר אן ארט,
ביי א פויער, וואס זיי זיינען געווען מיט אים
באפריינדעט". ל. וונדאה, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז׳ 302.
2. זיין פאר עמעצן ליב, טייער, נאענט.
1908 " איך קאן מיר גארניט פארשטעלן, אויב עס איז פאראן
ביי מיר אויף דער וועלט איין מענטש [...] וואס זאל
מיר ניט זיין באפריינדט, איינגעבאקן אין הארצן!".
שע, פיר זיינען מיר געזעסן׳, ציט אלע ווערק, נ"י, 1944,

ם [באַפּרײַנטן] ב י פ ר יַ נ ט ן ז י ך - װערן פּרײַנט (קרובים).

1679 " ביפּרײַנט אײַך מיט אונז, געבט אונז אײַער טעכטיר אונ' נעמט א יך אונזר טעכטר". י. בליץ, בראשית לד - ט. [ת"ה: און זײַט זיך מתחתן מיט אונדז].

ב אַ פ ר יַ ע װ ד י ק - אַדי. װאָס קאָן (האָט די אײַגנשאַפֿטן צו) באַפֿרײַען עמעצן, עפּעס.

? " [...] מיט גבֿורות פֿון זײַן באַפֿרײַעװדיקער רעכטער האַנט". נגת כ - 7.

ב אַ פ ר יַ ע ן - טרוו. 1. פֿרײַ מאַכן, פֿרײַ לאָזן, געבן פֿרײַהײַט; צוריק-שטעלן (אײן מענטש, א גרופּע, א געזעלשאַפֿטלעכן קלאַס, א פֿאָלק אע) אין דעם סטאַטוס רעכט, װאָס מע האָט פֿאַרלאָרן. % באַפֿרײַען דעם אַרעסטאַנט פֿון תּפֿיסה, באַפֿרײַען די נעגערס פֿון שקלאַפֿערײַ. דער קאַמף צו באַפֿרײַען די ייִדן פֿון דער רױמישער הערשאַפֿט.

1887 " דער מענטש זעלבסט, װאָס איז געקומען באַפֿרײַען מיך פֿון מײַן אײַנשפּאַרונג האָט גאָר מײַן אַנבליק". ב. א. זאַביעזענסקי, די שװערע צײַט, װאַרשע, ז' 25.

1894 " װאָס מיר װילן [...] // איז פֿון שקלאַפֿנײַאָך באַפֿרײַען // דאָס אונטערדריקטע פֿאָלק". ד. עדעלשטאַט, פֿאָלקס-געדיכטע, נ"י, ז' 34.

1928 " ער װיל באַפֿרײַען די גאַנצע װעלט! אַפּאַ 6, ז' 204.

1934 " נאָר װען משיח װעט קומען, װעט ער באַפֿרײַען און אַרױסלאָזן אַלע רשעים פֿון גיהנום". ש. אַש, דער תּהילים-ייִד, װאַרשע.

1940 " מיט די רױטע פֿאָנען,// מיטן רױטן חיל,// אַלע אונטערדריקטע// װעט ער גײן באַפֿרײַען". אַקש, מיזרעך און מיירעװ, מאָסקװע, ז' 168.

1948 " פון די, וועלכע קומען דעם מענטשן באפרייען, טראגט אויכעט א פחד און אייז קאלטע קעלט". סעג, איצטער, נ"י, ז' 137.

1968 " אין א קורצער צייט ארום האט מען מיך ווידער ארעסטירט און איך בין אפגעזעסן צען מאנאטן ביז מען האט מיך באפרייט צוליב מיין קראנקייט". יזב אטוואצק-קארטשעוו, ז' 933.

2. צוריק אפנעמען אן ארט ( יישוב, שטאט, לאנד), וואס איז געווען פארנומען דורך אנדערע; מע האט געקעמפט צו באפרייען ירושלים. מע האט באפרייט איראפע פון דער דייטשער אקופאציע.

?. " ער האט זיך אריינגענומען אין קאפ, ניט אנדערש טאקע ווי באפרייען דעם מקום קדוש". ממוס, א שטאט אין מזרח, ז' 12.

3. אפליידיקן, פריי מאכן א פלאץ; דער שכן דארף באפרייען די דירה צום טערמין. די געסט מוזן באפרייען די צימערן אין האטעל ביז 12 א זייגער.

1864 " ער האט געהייסן, אז די סאלדאטן זאלן באלד באפרייען ~~דס צעמ~~דאס הויז, מע זאל אויפהערן אביסקים צו מאכן" קמ, נ' 50.

1962 " די [סאוועטישע] מאכט האט זייער שוואך רעאגירט אויף די ביטעס פון יידן צו באפרייען זייערע הייזער". מ. גילדענמאן, זווהיל - נאוואגראד - וואלינסק, ת"א (?), ז' 209.

4. אפזאגן פון דער ארבעט, באזייטיקן פון א שטעלע; צוליבן קריזיס מוז מען באפרייען א סך ארבעטער. דער באלעבאס וויל באפרייען דעם אלטן בוכאלטער.

5. ארויסנעמען, ארויסבאקומען פון א קלעם, פון אומבאוועגלעכקייט.

1900 " און ווען ער האט ענדלעך זיין האנט באפרייט איז געווען א שטיק פלייש אפגעריסן". ב. גאריך, די מזיקים, ז' 90.

1926 " ער דריגעט אויף, באפרייט דעם קאפ פון אירע הענט".

באַרישאַ, זאַוול רימער, וואַרשע, ז' 129.

6. (מיט דער פּרעפּאָזיציע פֿון) אויסשליסן, אויסטיילן עמעצן פֿון אַ חוב צו טאָן עפּעס, וואָס דער כּלל מוז טאָן. באַפֿרייען פֿון מיליטער-דינסט. באַפֿרייען פֿון שטייערן. באַפֿרייען פֿון דער אַרבעט צוליב קראַנקייט. באַפֿרייען די אויסגעצייכנטע תּלמידים פֿון עקזאַמען.

?. " יידישע שפּיטאַל-דאָקטוירים פּראָצעסירן זיך מיט וואַרשעווער קהל, מע זאָל זיי באַפֿרייען פֿון אָפּצאָל אויף קהלשע זאַכן" פּרץ נ"י, ז' 215.

?. " באַפֿרייט צו ווערן פֿון מיליטער, כּדי ניט דאַרפֿן גיין דינען פֿאָניען, האָט עמען, פֿאַרן גיין ציען דעם נומער, זיך אַריינגעשטעקט אינעם לינקן לאָץ אַ נאָדל וואָס מען האָט מיט איר גענייט תּכריכים און זיך אַרומגעוויקלט אויפֿן נאַקעטן לייב מיט אַ קנויל פֿאָדעם וואָס מען האָט מיט אים זיבן מאָל אויסגעמאָסטן דעם קבר פֿון אַ צדיק". א. רעכטמאַן, ייבל ב' XLII.

7. ריין מאַכן פֿון שולד, חוב, אַחריות; מאַכן פּטור. דאָס געריכט האָט באַשלאָסן צו באַפֿרייען דעם אָנגעקלאָגטן פֿון שולד פֿאַר דער גנבֿה. מע קאָן ניט באַפֿרייען די לערערס פֿון דער אַחריות פֿאַר דער דיסציפּלין.

1887 " פֿון [זינט] דער קרענק איז [ער] באַפֿרייט געוואָרן פֿון אַלע בעלי חובֿות". ש. בעקערמאַן, דער זשענסקע וואָפּראָס, אָדעס, ז' 34.

1957(?) " [...] און אַ געצוווּנגענער - האָט אים די תּורה באַפֿרייט | פֿון אַ עונש|". ליקוטי-אמרים, תּניא, קסב -656.

1963 " [...] צו באַפֿרייען פֿון אַ טייל שולד דורכן אויסרייד פֿון כאַראַקטער-שוואַכקייט". ש. ביקל, טמז, 24.5.63.

8. עלימינירן, אַוועקנעמען אַ שטערונג. די פּויערים באַפֿרייען דאָס פֿעלד פֿון די שטיינער. די סאַפּיאָרן באַפֿרייען דעם וועג פֿון די מינעס.

9. געבן פֿרייהייט דעם גייסט פֿון מענטשן, זיין נשמה; לאָזן פֿריי די געפֿילן, געדאַנקען אַן אַבסטראַקטע אייגנשאַפֿטן פֿון מענטשן, ווי זיי וואָלטן געווען

געצאַמט, פאַרשפּאַרט.

1910 "אַך, באַפרייַ, באַפרייַ מייַן אַלטע/ מייַן פאַרמאַטערטע נשמה!" ש. פרוג 1, ז' 233.

1913 "באַפרייַט דורך פייַער די געפילן, וועלכע זענען אין אים אייַנגעקערקערט." ד. פינסקי, בערגשטייַגער, דאָס נייַע לעבן, פעברואַר.

1960 "דאָס ירושהדיקע וואָרט, דאָס אינטימע, איז באַפרייַט געוואָרן אויף אַן אנטפּלעקערישן אופן". י. גלאַטשטייַן, אין תוך גענומען.

1951 "ס'איז באמת אַ טרויעריק ליד. אָבער ס'איז דאָ אין דעם עפּעס געלייטערטס, עפּעס באַפרייַענדיקס". ש. ניגער אין ליטע ב' I, נ"י, ז' 809.

10. אויסלייזן פון עפּעס (פון קראַנקייט, נויט, ליידן אע); פאַרגרינגערן, פאַרבעסערן.

?. "גאָט וועט פון עלנט אים באַפרייַען. ממוס, זמירות, ז' 84.

?. "ס'קומט די שיף פון ווייטע לענדער// צו באַפרייַען זיי פון נויט". א. רייזען, אין אַ לאַנד.

1957 "[...] די אויפגאַבע פון ראַטעווען דעם יחיד פון די אומפאַלעריבאַרע ליידן אין אים באַפרייַען פון יעדער אונטערויאַכונג". א. גאָרדין, יאַנאַוווסקי, ל"א, ז' 51.

[?..] "באַפרייַען דעם יידישן |...| גייסט פון זייַן פאַר-שקלאַפונג צום |...| ספר". ש. ראַוווידאַוויטש, ייבל 29.

10. (מאָט) באַפרייַען דעם טיילווייזער פון רעדיקאַלן.

באַפּרייַ|ען זיך --- רעפל. 1. ווערן באַפרייַט, אַרויסגייַן אויף דער פרייַ.

1923 "איך זאָל נאָך אויספּיען זיך פון דאַנען צו באַפרייַען / ווי וויל ווערט דאָס מיר זייַן און גיט [גוט]". פּ. גראַבאַרד, געזאַנגען פון תהום, וואַרשע.

1965 "וואָרעם דער געפאַנגענער קען זיך אַליין ניט באַפּ-פרייַען פון דער געפענגעניש". ה. זיידמאַן, טמוז, 1.I.65

2. ווערן פרייַ, אויסגעלייזט פון עפּעס; אָפּזאָגן זיך

פון עפּעס (אין געדאַנק אָע).

1920 " ווען מען וויל [זאָגן, אַז עמעץ וויל] זיך פון דער זאַך באַפרייען און אפּזאָגן, זאָגט מען 'ער זאָל זיך עס פון קאָפּ אַרויסשלאָגן'". י. עלזעט, וואונדער-אוצר פון אידישער שפּראַך, וואַרשע,

1921 " כ'וואָלט וועלן אַזוי מיין נשמה באַפרייען, // אַזוי ווי דאָס קווייטל באַפרייט זיך פון בוים". סעג, אין קאַזשימערזש, וואַרשע, ז' 8.

1928 " ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון די צענדליקע מעשיות". אפּאַ, ז' 163.

1948 " פּאָעטן דאַרפן זיך באַפרייען פון שטעלן זיך איבער דעם טאָגטעגלעכן". א.א. זאַקוסקי, זש' גאַפּ, ב"א, ז' 50.

1959 " דער איינציקער וועג אונדזערער דאַרף זיין: באַפרייען זיך פון די סאָפּיסטישע, דיאַלעקטישע אַנוווקסן". ש. ניגער, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 161.

2. ←----

1744 " ביפרייאַי דיך מיט דיין ווייניג אַלש דו לאַנגשט און גירייכשט פון דיא נוצליכי וועלט". בע, זולצבאַך, תק"ד, דף ו'.

באַ פּ ר יי ע ר - דער (וואָ=יין, =קע). דער וואָס באַפרייט פון יאָך, אונטערדריקונג, אויסלייזער, גואל.

1920 " נישט נאָר פאַרן טאָפּ פליישׁ שטרייקן זיי, נאָר פאַר דאָס גרויסע רעכט - וועלט=באַפרייער צו זיין". דאַ, שוואַרץ-רויט, געדאַנקען און בילדער, וואַרשע, ז' 135.

1940 " וווּ איז יענע גרענעץ, יענע צוימען אַלטע, // וואָס האָט איך, באַפרייער, אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן?". אקש, מיזרעך און מייערוו. מאָסקווע, ז' 167.

1947 " אדער זיינען שוין די באַפרייער באמת אזוי נאָענט, אַז זיי מוזן שוין אַלע אַנטלויפן?" מ. קושניר, אַזאַ יזב טשענסטאָכאָווער יידן, נ"י, ז' 221.

באַפּרייעריש -- אַדי. וואָס שטרעבט וואָס האָט פאַר ציל צו באַפרייען, עמעצן, עפּעס.

1947 " עס דערגייען צו אונדז קלאַנגען, אַז אין דער שטאָט קומען פאַר גאַנצקאַמפן מיט דער רויטער באַפרייערישער אַרמיי". מ. קושניר, אַזאַ טשענסטאָכאָווער יידן, נ"י, ז' 222.

1972 " דאָרט ווו די ערד איז באַפרייעריש, איז אויך דער הימל פול מיט גליק". צאַניק, ליבשאַפט, ז' 167.

1973 " די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע [...] אינספּירירט די יידישע יוגנט אין שטעטל צו [...] ווערן דורכגע-נומען מיטן נאַציאָנאַל-באַפרייערישן אידעאַל". ספּעק פּשעטיק, ת"א, ז' 66.

באַפּריצעווען זיך -- (נבב) באַנאַרישן זיך [קווו]

באַפּרישן -- טרוו. 1. אַפּרישן, מאַכן פריש, קיל. % באַפרישן דאָס פּנים מיט אַ ביסל וואַסער.

1874 " אַ קליין ווינטל האָט געבלאָזן און ער האָט באַפרישט דעם לופט". ר'. אַבאַ מווילנאַ, דער פּוימאַניק, זשיטאָמיר. [13]

1910 " קיין איינציקער טראָפּן אין לייד און אין פּיין ניטאָ צו באַפרישן דעם גומען". ש. פּרוג II, נ"י, ז' 117.

2. ( פיג ) אויפריכטן, אומקערן די כוחות, צוריקבאַקומען מונטערקייט:

1924 " זאָל די יידישע אויסגאַבע פון דער 'טורן=און ספּאָרט=צייטונג' צוזאַמען מיטן 'פאָלקסגעזונט' זיין דער אָרגאַן, וואָס זאָל באַלייכטן, באַפרישן, אויפ-מונטערן און געזונט מאַכן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק". פגעז, ביילאַגע, המכבי, נ' 10. ווילנע.

1948 " זאָלן | די יוגנטלעכע | ווערן אונדזערע נאַכ-

פאַלגער אין די אַרבעטן פון פאַרבאַנד, פאַר וואָס
ס'פאָדערט זיך [...] אויפלעבונג, באַפרישונג און
און באַנייאונג". זש' גאָפ, נ' 3 - 4, ב"א, ז' 1.

באַפרישן זיך - מאַכן זיך פריש, ריין, זיך
אָפקילן. % זיך באַפרישן מיט אָדעקאָלאָן. [אויך (פיג: אויפלעבן, באַנייען זיך.)
1967 " אויף די שאָטנס האָט פרייד זיך באַפרישט [...]".
יאָסל קוהן, אַ פונק אין טונקל, [א"א] ז' 106.

(?נ?) ס באַפּרעגן - טרוו. אויספרעגן, פאַרהערן, עקזאַמינירן.
1766 " עס האָט זיך דער מלמד [...] אין דיזם א"ב צו
ריכטן דש ער עס מיט דעם קינד עבן אויף דיזה אַרט
לערנט און' בפּרעגט". אבן ישראל, מיץ, ז' 1.

(?נ?) ס באַפּרעגן זיך - אומטרוו. נאָכפרעגן זיך אויף
עמעצן/עפּעס, אינפאָרמירן זיך.
1630 " איך האָב מיך בפראגט [וועגן דעם חתן] איטלכר
הוט מיר איך גיראָטין". דריי בריוו פון קראָקע,
ציט ח. שמערוק, ס' היובל לבשכבעה ירושלים, ז' 312.
ליצחק קפוי,

57. ב״פ

ב א פ ר ע מ ד ן - טרוו. |סטוטש 553| דערווייטערן, האלטן פאר פרעמד.

|| =רנג.

שליט

ב א פ ר ע מ ד ן ז י ך - האלטן זיך פרעמד, דערווייטערן זיך. % בהדרגה האט ער זיך באפרעמדט פון אלע זיינע באקאנטע.

" |...| זייער נטיה צו באפרעמדן זיך פון זייערע ברידער, דאס טרעטן מיט די פיס אלץ וואס דעם ייד איז הייליק [...] ". מ. נאטיש, ייבל X, 1-2.

ב א פ ר ע נ ד ז ל ע ן - טרוו. 1. באהענגען, באפוצן מיט פראנדזן. % באפרענדזלען דעם טישטעך.

1904 " אייך דארף זיין באקאנט די דאזיקע טערקישע שאלן: געמאלטע |...| און מיט פרענדזלעך באפרענדזלט". שע, עצה, ציט אלע ווערק, נ"י, 1944, ב'4ד, ז'79.

2. באפוצן מיט עפעס וואס איז ענלעך צו פראנדזן.

1919 " דורך פאותלעך שווארץ,// וואס באפרענדזלען דיין שטערן". משה בראדערזאן, טוי, מאסקווע, ז'82.

ב א פ ר ע ס ט ל ע ן - טרוו. (שנש?) באשמירן מיט געגנד, נשמאלץ (על-פי אסאציאציע: ווייסע שמאלץ -שניי - א פרעסטל).

1935 " |...| געהאקטע אייער, אנגעבראקט מיט ציבעלעס, באפרעסטלט היפש מיט גענד, נשמאלץ". הר, ליים, ל"א, ן 28

באַפּרעסן --- טרוו. (צו פּיל) עסן (צו פּיל) אויף עמעצנס חשבון. ליאַקן? לאַקן?

1972 "ווי פיל יידישע קינדער וואלטן געקאנט זאט ווערן פון דעם וואס דער הונט האט אויפגעגעסן אין איין טאג, ס'האט איר אויסגעזען, ווי סוטשקא וואלט באַפּרעסן זי, ריידלעך אליין". ח. ראזענפארב, בוים פון לעבן, ת"א, ז' 243.

"[...] קינדער גנבנען דאס ברויט ביי עלטערן, א שוועסטער באַפּרעסט א ברודער". דצוו, ז' 500.

באַפּרעסן זיך --- אנפּרעסן זיך אויף יענעמס חשבון.

1956 " ס'איז גרינג צו אויפברעכן די טיר אין א פרידלעך הויז און זיך מיט פרעמדער מי באַזויפן און באַפּרעסן. פּמ, מלחמה II, ז' 455.

באַפּ -

ביפּרעסין.

2. ארומעסן עפּעס פון אלע זייטן, ארומגריזשען.

1798 " דר הערט טעט נאך זיין קעז אלי זארגן דא גיפינד ער זיין קעז ביפּרעסין אונ בינאגט [...] דא טעט דר הערט זיין מויז פאל [פּאַסטקע] אויפשטעלן". משל הקדמוני, אוסטרהא, תקנ"ח, ז' 34.

**<u>ביפרעסין.</u>**

2. ארומעסן עפעס פון אלע זייטן, ארומגרייזשען.

1798 " דר הערט טעט נאך זיין קעז אלי זארגן דא גיפינד ער זיין קעז <u>ביפרעסין</u> און בינאגט |...| דא טעט דר הערט זיין מויז פאל |פאסטקע| אויפשטעלן".
משל הקדמוני, אוסטרהא, תקנ"ח, ז' 34.